STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08331

LIDER

Anna Margolin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַננאַ מאַרגאָלין

לידער

ניו יאָרק — 1929

וואָרצלען

איך בין געוועז אַמאָל אַ אינגלינג

איך בין געוועז אַמאָל אַ אינגלינג,
געהערט אין פּאָרטיקאָס סאָקראַטן,
עס האָט מיין בוזעם־פריינט, מיין ליבלינג,
געהאַט דעם שענסטן טאָרס אין אַטהען.

געוועזן צעזאַר. און אַ העלע וועלט
געבויט פון מאַרמאָר, איך דער לעצטער,
און פאַר אַ ווייב מיר אויסדערוויילט
מיין שטאָלצע שוועסטער.

אין רויזנקראַנץ ביים וויין ביז שפּעט
געהערט אין הויכמוטיקן פרידן
וועגן שוואַכלינג פון נאַזאַרעט
און ווילדע מעשיות וועגן אידן.

מוטער ערד, פיל געטראָטענע, זון־געוואַשענע

מוטער ערד, פיל געטראָטענע, זון־געוואַשענע,
טונקעלע שקלאַפין און האַרין
בין איך, געליבטער.
פון מיר דער נידריקער און דער באַטריבטער
וואַקסטו אַרויס — אַ מעכטיקער שטאַם.
און ווי די אייביקע שטערן, און ווי פון זון דער פלאַם,
קרייז איך אין לאַנגן און בלינדן שווייגן
אין דיינע וואָרצלען, אין דיינע צווייגן,
און האַלב אין וואַך, און האַלב אין דרימל
זוך איך דורך דיר דעם הויכן הימל.

פּ אָ ר ט ר ע ט

א. לעיעלעס'ן

ווייל שפּאַט און אומגליק האָבן דורכגעגליט איר לעבן,
האָט זי געטראָגן אַזוי שטאָלץ דעם קאָפּ,
ווי ס'וואָלט זי גאָט געהיימניספול דערהויבן.

אין לערעו הויז, אין שפּיגל זיך געזען ווי דורך אַ רעגן.
און ווי עס וואָלטן אַלץ איר נאָכגעקוקט באַקאַנטע,
איז זי פּייערלאַך געגאַנגען זיך אַנטקעגן,
ווי מען גייט אַנטקעגן אַן אינפאַנטע.

גערוט, גערוט. געזעסן גלייך און שטייף.
און ניט פאַרטרויט איר מאַסקע אויך דער איינזאַמקייט,
ווען ס'האָבן גוטע אָוונטיקע שאָען
יאָמערנדיק געניינגט זיך איבער איר און איבער אַלץ.
און נאָר געפילט: ווייסטער, פלאַמיקער שגעון
דריקט צערטלאַך איר צונויף דעם האַלז.

יאָרן

ווי פרויען, וועלכע זיינען פיל געליבט און דאָך ניט זאַט,
און גייען דורכן לעבן מיט געלעכטער און מיט צאָרן
אין די אויגן זייערע פון פייער און אַגאַט —
געווען אַזוי זיינען די יאָרן.

און זיינען אויך געווען ווי אַקטיאָרן,
וואָס שפּילן מיט אַ האַלב־מויל „האַמלעט“ פאַר'ן מאַרק;
ווי אין לאַנד, אַ שטאָלצן, גראַנסיניאָרן,
וואָס כאַפּן אַן דעם אויפשטאַנד פאַר'ן קאַרק.

און זע, ווי דעמוטיק זיי זיינען איצט, מיין גאַם,
און שטום ווי אַ צעשמעטערטער קלאַוויר,
און נעמען אַן פאַר ליב אַ יעדנס שטוים און שפּאַט,
און זוכן דיך, ניט גלויבנדיק אין דיר.

א י ן ג אָ ס ן

דאָ אַ וואָרט מיט שרעק און דאָ פּול מיט חרטה.
דאָ האָב איך געוויינט און דאָ אין צער גערוט.
האָסט אַלע גאַסן דאָך פאַרוואַנדלט אין גאַלגאַטע.
אין אַלע גאַסן רינט מיין בלוט.

דאָ האָב איך געוויינט. עס האָבן דומפּף די מויערן
געברומט דעם גזר־הדין אויף שוואַכע און פאַרלוירענע.
און ס׳האָבן נאָכגעקוקט פיל דאַמען און פיל הערן,
ווי ס׳גייט אַ פרוי דורך דעמערונג אין טרערן.

געוועזן געבעט, און צאָרן געוועזן, חרטה.
און איצט שרייט אויף די לעצטע שרעקנפולע נאָטע
פון לעבן, זינקענדיק אין שטויב.
און דאָך, אַ גאָט, אַ פיינינגער, איך גלויב:
איך וועל מיט פינגער גוסס׳ע נאָך אָנרירן אַ שטערן
און אַז אומענדלאַך טיף, אומענדלאַך צערטלאַך וואָרט דערהערן.

מ י י ן ש ט א ם ר ע ד ט

מיין שטאם:

מענער אין אטלעס און סאמעט,
פנים׳ער לאנג און בלייכזיידן,
פאר׳חלש׳טע גלוטיקע ליפן.
די דינע הענט צערטלען פארגעלטע פאליאנטן.
זיי ריידן אין טיפער נאכט מיט גאט.

און סוחרים פון לייפסק און פון דאנסק.
בלאנקע מאנקעטן. איידעלער סיגארן־רויך.
גמרא־וויצן. דייטשע העפלאכקייטן.
דער בליק איז קלוג און מאט,
קלוג און איבערזאט.
דאן־זשואנען, הענדלער און זוכער פון גאט.

א שיכור,
א פאר משומדים אין קיעוו.

מיין שטאם:

פרויען ווי נעצן באצירט מיט בריליאנטן,
פארטונקלט רויט פון טערקישע טיכער,
שווערע פאלדן פון סאטין־דע־ליאן.

אַבער דאָס לייב איז אַ ווײַנענדיקע ווערבע,
אַבער ווי טרוקענע בלומען די פֿינגער אין שוים,
און אין די וועלקע פֿאַרשלייערטע אויגן
טויטע לוסט.

און גראַנד־דאַמען אין ציץ און אין לייווענט,
ברייטביייניק און שטאַרק, און באַוועגלאַד,
מיטן פּאַראַכטלאַכן לייכטן געלעכטער,
מיט רואיקע רייד און אונהיימלאַכן שווייגן.
פֿאַרנאַכט ביים פענסטער פֿון אָרימען הויז
וואַקסן זיי ווי סטאַטועןn אויס.
און עס צוקט דורך די דעמערענדע אויגן
גרויזאַמע לוסט.

און אַ פּאָר,
מיט וועלכע איך שעם זיך.

זיי אַלע, מיין שטאַם,
בלוט פֿון מיין בלוט,
און פֿלאַם פֿון מיין פֿלאַם,
טויט און לעבעדיק אויסגעמישט,
טרויעריק, גראָטעסק און גרויס

טראַמפּלען דורך מיר ווי דורך אַ טונקל הויז.
טראַמפּלען מיט תּפילות און קללות און קלאַג,
טרייסלען מיין האַרץ ווי אַ קופּערנעם גלאָק,
עס וואַרפט זיך מיין צונג,
איך דערקען ניט מיין קול —
מיין שטאַם רעדט.

א שטאָט ביים ים

וועןאיז עס געווען? איך קען זיך ניט דערמאָנען.
עס גייט מיר נאָך ווי אַ פאַרגעסענער רעפרען:
אַ שטאָט ביים ים, נאָקטיורנען פון שאָפען
און אייזערנע ליליען פון באַלקאָנען.

פאַרנאַכט. צוויי שוועסטער מיט די שמאָלע פינגער
פאַרטרוימטע רירן אָן דעם שאַטנדיקן שטראָם
פון זכרונות אין אַלטמאָדישן אַלבאָם.
די אַלטע בילדער ווערן לאַנגזאַם יינגער.

אין טיר האַלבאָפענער, דאָרט צווישן די וואַזאָנען,
פאַר׳חלש׳ט שווימען פאַרלאָך אין אַ לאַשצענדיקן וואַלס.
אָ, טויטע יוגנט! אָ, דער לעצטער וואַלס!
די טענצער שווימען און פאַרשווינדן ווי פאַנטאָמען...

עס איז געווען, געווען... איך קען זיך ניט דערמאָנען.

מיין היים

הייזער וויגן זיך און שווימען ליכטיק־גרוי
מיט פייכטע גערטנער, זילבער־העלע גאַסן,
און מענשן ביי שוועלן פון טירן
נייגן זיך, שמייכלען, פאַרבלאַסן,
ווערן און ניט ווערן
דורכן רעגנבויגן פון טרערן.

אַ קינד זיצט ביים פענסטער.
אין לבנה־שיין שטראָמען די האָר ווי טונקעלער רעגן.
פאַר׳עקשנ׳ט און ליכטיק זוכן די אויגן
ווי דורך אַ וואַלד
די אייגענע ווייטע געשטאַלט.
אַ, וואָס ציטערסטו, קינד,
ווען איך קום דיר אַנטקעגן?

איך דיין רו
און איך דיין שוועַרט

מיר זיינען געגאַנגען דורך טעג ווי דורך שטורעם־דורכציטערטע גערטנער.
געבליט און נערייפט און געאיבט זיך אין שפּילן מיט לעבן און טויט.
כמאַרע און ברייטקייט און טרוים איז געוועזן אין אונזערע ווערטער.
און צווישן פֿאַר'עקשנ'טע ביימער אין זומערדיק־רוישענדע גערטנער
האָבן מיר זיך פֿאַרצווייגט אין איין איינציקן בוים.

און אוונטן האָבן געשפּרייט זיך מיט שווערער פֿאַרטונקלטער בלויקייט,
מיטן שמערצלאַכן גלוסטן פֿון ווינטן און פֿאַלנדע שטערן,
מיטן בלאַנדזשענדן לאַשצענדן שיין איבער צוקענדע גראָזן און בלעטער,
און מיר האָבן פֿאַרוועבט זיך אין ווינט, איינגעזאַפּט זיך אין בלויקייט
און געווען ווי די גליקלאַכע חיות און ווי קלוגע און שפּילנדע געטער.

מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן

זיצנדיק ביים טיש אין גרויען זאַל,
פויל און אומרואיק זיך וויקלענדיק אין שאַל,
קוק איך דען אויף דיר?
רוף דיך דען צו מיר?
נאָר רויטער איז מיין מויל אַצינד,
און די האַלב פאַרמאַכטע אויגן
מיט אַ רויך פאַרצויגן.

נאָר פאַרפלייצט בין איך פון רויש און ליכט,
און דיין געזיכט זע איך דורך נעפל און פלאַם,
און אויף די ליפּן איז שאַרף דער טעם
פון זון און ווינט.

נאָר איך צי זיך אַרויף מיט פאַרשטיקטן געשריי,
איך וואַקס פלאַטערנדיק, פיבערדיק אַזוי,
און דאַס וואַקסן טוט וויי.

פאַררוקט אין ווינקל פון דעם גרויען זאַל,
אין די לאַנגע פלאַמנדיקע פאַלדן פון שאַל,
קוק איך דען אויף דיר?
רוף דיך דען צו מיר?
נאָר איך האָב ווייטאַגלאַד, און טיף, און בלינד
מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן
דיך איינגעזויגן.

לאנזאם און ליכטיק

לאנגזאם און ליכטיק
האסטו דיין שווערן שטערן צוגעבויגן צו מיין שטערן,
ביזטו פארזונקען מיט דיין שווארצן פייער
אין מיין בלויען פייער.

און מיין צימער איז געווארן פול מיט זומער,
און מיין צימער איז געווארן פול מיט נאכט.
האב איך מיינע לויכטנדיקע וויינענדיקע אויגן צוגעמאכט,
האב איך געוויינט שטיל אין מיין שפעטן זומער.

האָב אַזוי פיל געוואַנדערט, מיין ליבער,
דורך פרעמדע און טונקעלע לעבנס,
דורך הערצער ווי חרוב׳ע לענדער —
זיי גוט.

האָב געוואוסט טויזנט טויטן, מיין ליבער.
און צום לעבן געיאָגט יעדעס מאָל
האָט בייז בלוט,
פון לוסט די אייזערנע רוט.
מענטש מיט׳ן שטילן קול,
מענטש פון סאַמעט און שטאָל,
בויג זיך טיף איבער מיר,
פאַרשטעל די וועלט פון מיר
און אויך מיין אייגן בלוט.
זיי גוט.

ד ו

איך גיי דורך דיר אין באַרבאַרישן גלאַנץ, ווי דורך אַ באַ־זיגטע שטאָט. פיר נעגערלאַך טראָגן די עקן פון מיין גאָלדגעשטיקטן, מיט פאַוועס און מאַנבלומען אויסגענייטן מאַנטל. הינטער מיר גייען קריגסלייט, בליצענדיק מיט די קורצע שווערטן, נאַקעטע אָרעמס און קני; פריסטער אין ווייסן לייוונט; אַ גאַנצע שאַר פּאַעטן אין שוואַרצן זייד און פורפור; און עס שטאַמפן ברייטע עלפאַנטן און טראָגן אויף זייערע רוקנס די פריידיגע געטער פון מיין היימלאַנד, די הייליגע מאַלפּעס און פאַרביקע פייגל, וואָס שרייען אויף זיס און ווילד אונטערן פרעמדן הימל.

איך גיי דורך דיר, ווי דורך אַ באַזיגטע שטאָט.

יובלענדע שטימען וואַרפן ווי אַ פאַרצערענדן פלאַם מיין נאָמען צום הימל, און צוריק פאַלט ער צעשפּליטערט אין טאַנצנדע פונקען. אין הויפנס ליגן שמאַראַגדן, עמעראַלדן, רובינען, וועלכע דו האָסט אויסגעגראָבן פון דיין טיפעניש, אַלע נאָך אָרומגעקלעפּט מיט דיין ערד, און בלוט, און צער.

אָבער אַ, יענע טונקעלע און געדרייטע גאַסן, וועלכע איך האָב מורא צו באַטרעטן. יענע וואַכעדיקע שטילקייט אין דיר, אין וועלכער מיין נאָמען האָט קיינמאָל ניט געזונגען... און שאָטנס, וואָס בויגן זיך פאַר מיר ניט...

און ביזט מיין באַזיגטע שטאָט. אין דיינע אומעטיקע וויסטע טעמפּלען האָב איך אָוועקגעשטעלט מיינע געטער. און דאָס ליד, וואָס דו פּרואווסט פאַר זיי זינגען מיט אַן אומזיכער קול, איז ווי זון און ליבע.

אָבער יענע שטילע און איינזאַמע ווינקלען. איך האָב אין דער פינסטערניש געזען שפּאַנדיקע אויגן. איך האָב געזען דעם בליאַסק פון אַ מעסער. און ווען דו האָסט ווי מיט טויזנט הענט מיך אַרומגענומען אין דער נאַכט, איז אין אַלע טויזנט הענט געווען צעשטערונג.

דרימל איין, געליבטער, דרימל.
ביזט ווי יונגע ברוינע וואלד־ערד.
דיינע אויגן זיינען פול מיט הימל.

איך דיין רו און איך דיין שווערט
וואך איצט איבער ערד און הימל.
יעדער שטערן שטוינט און הערט,
וואס איך פליסטער אין דיין דרימל.

וויאלינען

דער בלויער טרוים פון וויאַלינען.
איך און דו,
אַזעלכע ווייטע,
אַזעלכע ווייזע,
און ס'ווייס ניט קיינער,
אַז מיר קרייזן
אין גאָלדענע רינגען,
ווי שמעטערלינגען,
אין דער בלויער נאַכט פון וויאַלינען.
דו מיין דו,
אונזער נאַכט,
און מיך, און דיך
שפּילן די בלויע וויאַלינען.

אין קופּער און אין גאָלד

אין קופּער און אין גאָלד פון די מטבעות
ליכט קיל און קלאָר דאָס פּנים פון אַ קעניג,
און ס'ליגט די וועלט ביי אונזער שוועל, פאַרכשופט
פון ווייטן אָפּשיין פון דעם קעניג.

אויף אַלע העלע און אויף טונקעלע זאַכן
איז אויסגעקריצט דאָס פּנים פון מיין קעניג.
און ס'זיינען גאָלדן־שווער איצט אַלע זאַכן,
און גאָלדן בליט די וועלט ביי מיר אין הארצן,
פאַרכשופט פון דיין ווייטן שיין, מיין קעניג.

עס רעדן היינט אַלע שטומע זאַכן.
עס רינט ווי טוי
דאָס בלויע פּליסטערן פון שלאַנקן וואָלקן.
הויכע קלוגע ווערטער רוישן אין די קרוינען פון די בוימער,
פון די אַלטע, געוואָלטיקע טרוימער,
און פאַלן אין מיין האַרץ מיט יעדן בלאַט און יעדן שטערן.
און קענסטו הערן,
ווי עס ציטערט דער זאַמד
אונטער די איינזאַמע לאַנגזאַמע טריט פון דער נאַכט?
און פייערלאַך און גרוים
קייקלט זיך אַרוים
אַ ברייט געזאַנג
פון דעם גרויען, מיט שאַטנס אומרינגלטן שטיין.
און דו, מיין ליבער, מיין ליבער,
דו שווייגסט.

מיט באַנגע הענט האַלט איך דיין ליבן קאָפּ,
און שווער און טונקל פון די גרויסע אויגן
שטייגט דיין פאַרשאַטנט לעבן מיר אַנטקייגן.
אַ שטילע שרעק בויגט מיך צו דיר אַראָפּ —
זאָל גאָט דיך היטן.

האָבן מיר דען ניט גענוג געליטן?
וואָס מאַנט דער שאָטן צווישן האַרכנדיקע צווייגן?
וואָס בעט די טיפע טרויעריקע שטימע אין דעם שווייגן?
דורך טרערן בויג איך זיך צו דיר אַראָפּ
און טרינק דאָס טונקלע לעבן דיינס מיט באַנגע ליפּן.

פול מיט נאַכט און געוויין

א שווייגן פּלוצים און טיף
צווישן אונזביידן,
ווי אַ צעטומעלטער בריף
מיטן אַנזאָג פון שיידן,
ווי אַ זינקענדע שיף.

אַ שווייגן אַז אַ בליק, אַז אַ ריר,
פול מיט נאַכט און געוויין
צווישן אונז ביידן,
ווי מיר וואָלטן אַליין
צו אַ גן־עדן
פאַרשליסן די טיר.

דערהערט דיינע טריט און זיך דערשראָקן —
איך האָב מיין קול ניט דערקענט.

אַ, טייערער און באַגערטער,
אין אומגעהויערן צער
פאַרוואָס האָבן זיך אויגן
באַגעגנט ווי שונאים,
ווי שווערטן די ווערטער?

אין די וויסטע נעכט,
פון דיר פאַרפרעמדט,
שרייט מיין הארץ נאָך דיר,
ווי אין אַ שטאָט, וואָס ברענט,
דער רוף פון געשליידערטע גלאָקן,
ווילד זיך יאָגנדיק, אויף טויט דערשראָקן.

דאָס אַלץ איז ווייט שוין אַוועק,
מיין גאָלד, מיין גאָלד, מיין גאָלד,
ווי אַ פּאָר׳כּישופֿ׳טער ברעג
אין זוניקן נעפּל, מיין גאָלד.
פֿליען אַן שעה׳ן אַמאָל,
הויב איך די אויגן ניט אויף,
הער ווידער דעם בויג פֿון דיין קול
און פֿאָלג און גיי אויף דיין רוף,
און בין פֿאַרווירט און נערירט,
מאָרנע נערירט און באַצוואָונגנען
פֿון ערינערונגען
ליכטיק און בלייך
און ווי אַ הויך,
אַזוי ווייך.

געוועז איז אפשר דאָס מיין גליק:
פילן ווי דיינע אויגן
האָבן זיך פאַר מיר געבויגן.

ניין, געוועז איז דאָס מיין גליק:
גיין שווייגנדיק הין און הער
מיט דיר איבערן סקווער.

ניין, ניט דאָס, ניט דאָס. נאָר הער:
ווען איבער אונזער פרייד
פלעגט שמייכלענדיק זיך איינבויגן דער טויט.

און אַלע טעג זיינען געוועזן פורפורן,
און אַלע שווער.

פון א בריף

דער שטויביקער וועג,
די פאַרשיכורטע טריט...
איינציקער מיינער,
איך געדענק עס ניט.

די דעמערונג ווי מאַסן בלומען,
די דעמערונג ווי אָקטאָבער־וואַלד,
ווען ער איז געקומען.

דער שטויביקער וועג,
דאָס פעלד נאָכן שניט,
די וואַקליגע טריט...
אַן א סוף, אָן א ברעג
איז געוואַקסן דאָס גליק...
ליכטיקער מיינער,
איך געדענק עס ניט.

איך גיי אין שאָטן פון דיין לעבן
מיט לייכטע פאָלגעדיקע טריט.
מיין סוד איז פארהאָנגען און געהיט
אין מיינע אָפּגעווענדטע אויגן.

און פאַר דיין בליק דעם ליכטיק־שטילן
בויג איך זיך, ווי אַ ווייב און קינד,
און טו דיין קלוגן העלן ווילן,
און יעדע נאַכט רופט מיך דער ווינט,

און צוקט בייטאָג אין פרומען שמייכל,
און פלאַטערט אויף אין וואָרט און צינדט.
געטרייער מיינער, זיי מיר מוחל,
ווען איך וועל וואָגלען מיט דעם ווינט.

ליד

דיין דינער פּראָפיל,
דיין שמייכל פאַלש און געטריי.
און דער טאָג איז בלוי און פראַגיל,
ווי פאַרצעליי.

אַלץ, וואָס איך האָב געהאַפּט,
אַלץ, וואָס דו האָסט פאַרגעסן,
קומט איצט צוריק אומפאַרהאָפּט,
פאַרשפּינט אונז אין זוניקע נעצן,

וויגט אונז, פאַרוויגט אונז און צינדט,
ווי אַ גלוטיקער טרונק,
און אַקסלען שפּילן מיט ווינט,
מיט ערינערונג.

לינדן קוקן נאָך קיל,
פּליסטערן און פאַרלעצן:
דער כשוף איז שטיל און פראַגיל,
ווידער וועט ער פאַרגעסן.

געקושט מיין האַנט

געקושט מיין האַנט און זיך אַרומגעקוקט,
צי ס׳זעט ניט קיינער.
פון גרויסער ליבע האָט דיין קול געצוקט,
און האָסט זיך פאַרזיכטיק דאַך אָפּגערוקט,
ווען ס׳איז פאַרבייגעגאַנגען איינער.
„דער טאָג, מיין טייערע, געווען איז שיין,
צו שיין, צו גוט צוריקצוקערן...״
און ס׳איז דיין יעדעס וואָרט געווען
פול מיט פאַרטרויען און באַגערן.
און ווען עס האָבן אויפגעלויכטן ווייך די ערשטע שטערן,
האָסטו פאַרריכט דיין הוט, וואָס איז געזעסן קרום,
האָסטו געזעגנט זיך נערירט און שטום
און זיך אַוועקגעשאַרט בנעימות־פרום
אין דיין פאַרשאָלטענע היים.
ליבערשט וואָלט איך וועלן דו זאָלסט שיכורן,
זאָלסט זיך וואַלגערן מיט גאַסנפרויען.

ניין, גאָרניט זאָגן.
נאָר אין ליכטיקייט,
אין לויטער פרייִדיקייט
זיך אַראָפּבויגן
צו דעם צער אין דײַנע אויגן,
צו דער שולד אין דײַנע אויגן
און דיר זאָגן...
ניין, גאָרניט זאָגן.

אוראַלטע מערדעריִן נאַכט, שוואַרצע מוטער אין גויט, העלף מיר!
פאַרנאַר אים, פאַרשפּין אים, פאַרשלינג אים, דערשלאָג אים צום טויט!

און איך,
וואָס טרערן זיינען געווען מיין געטראַנק,
און שאַנד מיין ברויט,
וועל טרינקען פאַר'חלשט,
גיריק און לאַנג,
ווי אַ ליבעס־געזאַנג,
זיין ווייב'ס געוויין,
דאָס שוויינן פון קינדער,
דאָס פליסטערן פון פריינט
נאָך זיין געביין.
וועל אויפשטיין ווי איינע, וואָס איז לאַנג געווען קראַנק,
אַ שוואַרץ געשפּענסט אין מאַרגנרויט,
וועל זיך בוקן צו אַלע פיר עקן פון רוים
און זינגען, און זינגען, און זינגען צום לעבן
אַ לויב פאַרן טויט.

ווען איך גיי מיט מיין ליבן דורכן טויאיקן אָוונט פון פרילינג,
שמייכל ניט, פרעמדער, ווי איינער וואָס ווייסט,
אַז מיך ליבט ניט מיין ליבער.
ווייל טיף הענגט די נאַכט איבער מיינע פאַרטונקלטע אויגן.
און עס שפּרייטן זיך סאַמעטן־ווייך אין דער נאַכט
די שטיינערנע וועגן.
און פול מיט מיטלייד און פול מיט ליבשאַפט,
מיט ביטערע ליפּן מיך קושנדיק,
האָט איבער מיר דאָס אומגליק
זיך אָנגעבויגן.

גייט אַ פרײַנט פאַרבײַ אונז אין דער לערער גאַס,
ווערן מײַנע אויגן שאַרפער, גרויער.
איבער אונזער בייזן מזל מאַך איך שפּאַס
און לאָז נידריקער אַראָפּ דעם שלייער.

טיפער, אָוונטיקער, בלויער ווערט די גאַס.
מײַנע הייסע ווערטער ברענען אין דײַן אויער.
אין מײַן ליבע איז פאַראַן אַזויפיל האַס,
אין מײַן האַס אַזויפיל לוסט און טרויער.

מיין ניט, איך האָב זיך געביטן.
דעם רואיקן שמייכל ניט גלויב.
איך בין אַ טיגעריץ מיטן בליק פון אַ טויב,
איך בין אַ קינדזשאַל צווישן בליטן, —
זאָלסט זיך היטן.

אַ שעה קומט און באַלד איז זי אויס —
מיט אַ שמייכל, אַ מעסער, אַ רויז.
מיינע ליפּן וועלן זיס זיין און רויט.
מיין האַנט וועט אַ טאַנץ טון, אַ פּלי טון
און אויף אונזער שענדלאַכן טויט
ליינן זיך צערטלאַך און גרויס.

ס׳איז דער וועג אַזוי שטיל,
פּערלדיק־גרוי, פּערלדיק־קיל,
און די זון שפּרייט אין דער הויך
בריקן פון רויזן, בריקן פון רויך.

ס׳איז דאָס הארץ אַזוי שטיל.
דיין שווער־הייסער בליק,
דאָס שיכור׳ע גליק
איז ניט דאָס, וואָס איך וויל.

ס׳איז דאָס הארץ אַזוי שטיל
און קניט אין טונקעלן פאַרגעפיל,
און ציטערט, און ליידט
פון צופיל פאַרשטיין, פון צופיל צערטלאַכקייט.

איך האָב ניט געוואוסט, מיין ליבער,
אַז מיט לאַנגזאַמע בענקענדיקע פינגער
קריץ איך דיך איין אין מיינע לידער.

איצט האָבן זיי דעם שווערן גלאַנץ
פון דיינע אויגן, די שאַרפע ליניע
פון דיין מויל, פון דיין
עקשנות'דיקער האַנט.

דאָס וואונדער,
ווען מיין אייגן וואָרט
באַרירט מיך מיט דיין האַנט.

ווען נאַנט, אַ נאַנט וואַקסטו אַרויס
פון שטרענגן ליכטיקן אַקאָרד.

דאָס וואונדער ...

אַזוי ווי מײַן בליק דער פֿאַרטרערטער
איז דער אָוונט בלוי און אינטים.
זאָג דײַנע קאַלטע ווערטער,
נאָר מיט אַ צערטלעכער שטים.

און אין דײַן שטים דאָ און דאָרטן
וועט אויפֿבליִען אומגעריכט
אין לבֿנה־שײַן אַ גאָרטן,
אין לבֿנה־שײַן אַ געזיכט.

און דאָס טרויער־שפּיל ווידער
פֿון אַ קראַנקן געוויסן.
איך ווייס אַזויפֿיל, מײַן מידער,
אָ, איך וויל מער ניט וויסן.

נאָר הערן אַזוי־אָ ביז שפּעט
דעם שאָטן פֿון ליבע קומען,
טרויעריק ווי טשערעט,
צאַרט ווי די נעמען פֿון די בלומען.

איז די גאָלדענע פּאָווע געפֿלויגן, געפֿלויגן,
און די נאַכט האָט געעפֿנט די גאָלדענע אויגן.
ליכטיקער מיינער, שלאָף איין.

די נאַכט האָט געעפֿנט די גאָלדענע אויגן,
בין איך פֿידל געוואָרן און דו דער בויגן.
אומרואיקער מיינער, שלאָף איין.

בין איך פֿידל געוואָרן און דו דער בויגן,
און דאָס גליק איבער אונז האָט פֿאַרליבט זיך געבויגן.
צערטלאַכער מיינער, שלאָף איין.

און דאָס גליק איבער אונז האָט פֿאַרליבט זיך געבויגן,
געלאָזט אונז אַליין און פֿאַרפֿלויגן, פֿאַרפֿלויגן.
טרויעריקער מיינער, שלאָף איין.

פֿאַרשלאָסענע ליפּן

שדים האָבן אומעטיק געפייפט

איך בין אַריין אין גאָרטן ווי אין אַ ווילדן וואַלד.
שדים האָבן אומעטיק געפייפט.
שטערן האָבן בלוטיק, פלאַצנדיק געררייפט.

עס זיינען פאַרבייגעפלויגן פיל שפּאַטנדיקע אויגן.
שטימען האָבן גליטשיק, שלאַנגיק מיך געשטרייפט.
אַ שמאָל פלאַמנדיק מויל האָט אַ—ז—וי לאַנגזאַם צו מיר זיך צוגעבויגן.
שדים האָבן אומעטיק געפייפט.

פון מיין פינסטערניש

.1

איך רעד שטאַמלענדיק.
אין טויטלאַכער אַנגסט
מיט זיך אַליין זיך ראַנגלענדיק
זוך איך דאָס וואָרט,
וואָס זאָל אַרויסשטראַלן כאָטש קרום און בלאַס
מיין פרייל̈אַכן, מיין וועלט־אַרומנעמענדן האַס.

2

די שאַרפֿע נעגל פֿון דעם טאָג האָבן אָפּגעלאָזט דעם קרבן.
אין דער פֿינסטערניש, צענויפֿגעדרייט,
און לעבערלאַך, און קליין,
ליג איך און הער, ווי שטיל און ריין,
ווי שטיל און ברייט
שטייגט אויף אין מיר אַן טרערן אַ געוויין
און שפּרייט זיך ווי אַ ברייטער בריק צום מאָרגן.

.3

ווי פון צעטראַטענע בלוטנדע טרויבן
פרעסט מען אויס דעם איידעלן ווייַן,
אַזוי האָב איך מיין פרייד אויסגעזויגן
פון פּיין,
און מיט גוסס'ע הענט זי דערהויבן
צום בלענדענדן גרויזאַמן שיין
פון גאָט'ס אויגן.

דאָס איז די נאַכט

דאָס איז די נאַכט, דער טרויער, דאָס ניט ווערן,
פון טרוימען דער פאַרעטערישער שיין.
אומגליקלאַכע, וואָס וועט זיין?

זיי קאַלט, זיי קלוג. קער אָפּ זיך פון די שטערן,
פון קינדערשפּיל מיט שאָטנס, טוי און דופט,
זיי שטיל, זיי שטיל,
און מיטן גאַנצן פרירנדיקן בלוט ווּעסטו דערהערן,
ווי עס עפנט זיך די ערד
און ווי דער וואָרים רופט.

שלאַנקע שיפֿן

שלאַנקע שיפֿן דרימלען אויפֿן געשוואָלן־גרינעם וואַסער,
שוואַרצע שאָטנס שלאָפֿן אויפֿן קאַלטן האַרץ פֿון וואַסער.
אַלע ווינטן זיינען שטיל.
כמאַרעס רוקן זיך געשפּענסטיק אין דער נאַכט דער שטומער.
בלייך און רואיק וואַרט די ערד אויף בליץ און דונער.
איך וועל זיין שטיל.

ש ט י ל ע ר

דו האַרטע, האַרישע שטים, ווער שטילער.
איר שאַרפע און דורשטיקע אויגן — אַרונטער
די טונקעלע וויעס. און זאָלן אין רואיקן צער
די ווייסע פאַרלאַנגענדע הענט
אין שוים זיך פאַרפלעכטן.
און וואַרט.
אַ, לייכט, זייער לייכט, אַ, כישוף־דיק צאַרט
וועט דער אָוונט מיט לופטיקע, גיפטיקע פינגער
באַרירן דיין לייב, שטאָלצע פרוי,
דיין מויל און דיין בליק און די שטורמישע האָר,
און מאָלן זיי גרוי,
און פינסטער און פלינק
אַרום דיין איינזאַמקייט קריצן אַ ריזיקן רינג.

זיי שטילער און שטילער. אַזוי... אָט אַזוי...
ס'איז גאַרניט געוועזן. ס'איז אַלץ שוין פאַריבער.

אָפּט גיי איך ווי הינטער אַ שלייער,
און עס מישט זיך מיין טראָט מיט די טריט
פון אייך, ניט געזעענע גייער,
טרויעריק־שיינע, בלוט און צוויט
פון מיין וואַנזיניקן פרילינג.

און איבער רוי־רושנדע גאַסן
טראָג איך אין וואַכן געמיט
אייערע שטימען, שמייכלען, גרימאַסן,
ווי מען טראָגט אויף די ליפּן אַ ליד,
ווי אויפן פינגער אַ קאָסטבאַרן רינג.

טײװאָלים

זײ קײקלען זיך פאַרבײ
אין גרינעם שטראַל פון דער היסטערישער לבנה
און טונקלען זיך,
די דינע פּיסלאַך אונטער זיך,
אין אַלע שאָטנדיקע װינקלען.

און זײנען גוט.
און זײערע לאַנגע, שװאַרצע, שלאַנגיש־אױסגעקרימטע פינגער
טײטלען אַלץ אױף דיר,
און ציען זיך פּאַמעלאַך אַלץ צו דיר, צו דיר,
און זײנען גוט.

און דו, מענטש, װאָס ציטערסטו ?
דו אינזל שלאַנקער צװישן שטײגנדיקע כװאַליעס,
דו שמאָלער בליץ, װאָס לעשט זיך צװישן כמאַרעס,
דו פון גאָט'ס האַנט געשלײדערטער קינזשאַל,
מיט זונשײן אָנגעגאָסענער באָקאַל,
צעשמעטערט פון דער נאַכט —
דו נאַר, דו נאַר, דו אָרימער נאַר, אין טיפער נאַכט,
אין דראָענדיקן שײן פון דער היסטערישער לבנה.

נ אַ כ ט

איך שלאָג זיך אין דער פינסטערניש מיט שונאים,
ניט זעענדיק קיין איינציק פּנים.

און יעדע נאַכט אַ סווישטשען און אַ קנאַלן,
אַ שטאַמפּן פון פאַרשווינדנדיקע טריט.
און איך שטיי בלוטנדיק און טויטלאַד־מיד
און וויל ניט, וויל ניט פאַלן.
און יעדע נאַכט דערנאָך דאָס ברייטע שטראָמנדיקע שווייגן
ווי פון פילע אָרגעלן, און אויפגעבוואַליעט ליכט,
און איבער מיינע אויגן,
שמייכלענדיק אָריבערגעבויגן,
אַ ריזיק שאָטנדיק געזיכט.

מ י ד

איך בין היינט מיד.
פאַרוואונדעט פון די שאַרפע שטימען,
פון אימיצענס צו גוטן בליק.
און איך האָב געהערט אַ וואָרט,
וואָס גליט אין מיר און גליט.

אַזוי מיד.

טונקל שפּרייטן זיך אין צימער
שאָטנס פון דער נאַכט
אויף וועלקן אָונטרויט.
איך האָב היינט לאַנג געטראַכט
פון טויט.

די שטילקייט אין מיין צימער
איז ווי דער אָנריר פון שוואַרצן סאַמעט.
דער שימער אין די שווערע וואַסערן פון שפּיגל
איז ווי שוואַרצער גלאַנץ פון סאַמעט.

און וואַסער, זאָגט מען, איז גאָר גרינג דער טויט.

אַזוי מיד.

ליבע מאַנסטרען

ליבע מאַנסטרען, האָט געדולד.
ס'איז ניכטערער טאָג, ס'איז די וועלט איבערפולט
מיט שיין און געררויש ביז די ווייטסטע זוניקע ברעגן.
איך גיי צווישן מענטשן, איך גיי איבער פריינטלאַכע וועגן
דאַנקבאַר, וואונדערלאַך פון אייך באַפרייט.
איר זייט ווייט,
ווי אין גאַסן דער טראַמפּ פון ארמייען,
געהערט אין שטילן פאַר'חלום'טן הויז,
ווי אין אָפּגעלייגטע אַלייען
סילועטן, געזעען
דורכן גאָלדענעם נעפּל פון לאָמפּן בלויז,
נאָר עפּעס אין זשעסט און גאַנג דערמאַנט,
אַז אונהיימלאַך זיינען זיי דיר באַקאַנט.
ליבע מאַנסטרען, האָט געדולד.

ווייל נאַכט קומט, און דאָס האַרץ, קראַנק פון אַן אַלטער שולד,
אומבאַשיצט און אַליין הערט געגענען די טריט,
הערט און וואַרט און ווערט זיך ניט.
און איר זייט דאָ! און עס צערינט דאָס צימער.
איך פאַרזינק צווישן אייך, אַן אומגעניטער שווימער,
און ווער צעטראַמפּעלט און צעקרימט.

איר זייט אַזוי שרעקלאַך און דאָך אומבאַשטימט.
איר וואַקסט ווי בערג אַרום מיר, ווי ריזיקע הינט,
און מיט מיר צוזאַמען וואַיעט איר בלינד,
צוזאַמען מיט מיר ברומט איר טעמפּ און צעדולט
די מעשה פון אַן אַלטער, אַלטער שולד.
. . . עס וויינט דאָס האַרץ, די בלודנע שאָף,
און פאַרווייַנט זיך צום קראַנקן שלאָף.

די נאַכט איז אַריין אין מיין הויז

די נאַכט איז אַריין אין מיין הויז
מיטן געברום פון שטערן, וואַסערן, פליגל,
מיטן שיין פון זומפן, שליאַכן, טומאַנען.
איך בין געלעגן שטאַר און פינסטער.
בוימער זיינען אַריין אין מיין הויז,
גערוקט זיך ריזיק מיט וואָרצלען און שטאַמען
און אורטיפע בליקן פון בלעטער.
און וואָלקנס אויסטערליש־נרוים
זיינען געקומען מיט דונער און לאַכן,
ווי טונקעלע קעפּ פון די געטער.
און אַלע האָבן זיי געדרייט זיך שווער, און ווילד, און וויסט.
און אַלע האָבן זיי געוווישט: „דו ביזט, דו ביזט, דו ביזט".
איך בין געלעגן שטאַר און פינסטער.

האַרט האַרץ

האַרט פֿאַראַכטנדיק האַרץ,
לאָז אַריין די ליכטיקע כוואַליע
פֿון זונות, מוטערס און קינדער,
בעטלער, קריפּלס און טענצער
און אַלטע לייט פֿון דער שטאָט.
נאָר בלייב ניט מיט זיך און מיט גאָט.
האַרט האַרץ,
אַנטלויף צו מענטשן פֿון גאָט.

עפּיטאַף

דערציילט עס אים: זי האָט פאַרגעבן
זיך ניט געקענט איר טרויעריק געמיט,
איז זי געגאַנגען דורכן לעבן
מיט זיך אַנטשולדיקנדע טריט.

דערציילט, אַז זי האָט ביזן טויט
געשיצט געטריי מיט הוילע הענט
דאָס פייער, וואָס איז איר געווען פאַרטרויט
און אין אייגענעם פייער געברענט.

און ווי אין שעה'ן פון איבערמוט
האָט זי מיט גאָט זיך שווער געווערט,
ווי טיף געזונגען האָט דאָס בלוט,
ווי צוווערגן האָבן זי צעשטערט.

שיינע ווערטער פון מאַרמאָר און גאָלד

שיינע ווערטער פון מאַרמאָר און גאָלד,
ניט איך, ניט אייך האָב איך געוואָלט.

פאַרוואָר, איך האָב די לידער ניט געוואָלט.

נאָר אַנדערע — ווי פייער און ווי פריילאַכער שטורעם,
וואָס צערייסן אימפּעטיק דעם דורכזיכטיקן פורעם.

צו שפּעט.

און איך וואָלט וועלן זיין אַנדערש צו מענטשן.
נאָר אויך איצט בין איך ניט גרייט
ליב צו האָבן קינד און קייט.

אָבער ווען איך וואָלט קענען פאַרגעבן
מיין פאַרפּייניקט לעבן
און צוגיין צו דעם און צו יענעם,
די שלעכטע, די שיינע, די פון חלום געצונדן,
וועלט־פאַרלירער, וועלט־וואַגאַבונדן,
און זאָגן: „איך וויל זיך אייך געבן.
איך וויל זיך פאַרשווענדן,

ווי הייליקע אין לעגענדן.
זאָל מיין גוטסקייט אויפגיין איבער אייך
שיינענדיק און רייך...״

צו שפּעט.

איך הער אָפּט אונהיימלאַכע טריט.
איך טראַכט אָפט וועגן לעצטן exit
און איך שווער
ביי עלזאַ לאַסקער שילער, רילקע און באָדלער,
אַז איך וועל שטומען, ניט קלאָגן.
די לעצטע באַליידיגונג פון ליב וועל איך ווירדיק פאַרטראָגן.
וועל אין יענע שעה׳ן אפשר חלומ׳ן, אפשר וואַקסן,
זען וועלטן זיך דרייען אַרום די אַקסן,
און מיין היים אין מאָרגנרויט, און פעלדער אין דרימל,
און ווי אין אַ שטאָט, וואָס פרייט זיך און בליט,
מיין אומעטיק קינד קניט.
איך וועל אַ צי טון מיט די אַלץ נאָך שיינע אַקסלען,
וועל די ציטערנדע ליפּן אפשר נאָך צווינגען
צו שמייכלען, און עס וועט מיר געלינגען.
און שמייכלענדיק, און אַטעמלאָז
קעגן דער אומגעהויערער אייזערנער מאַסקע פון הימל
לאָזן דעם שוואַכן רויך פון לעצטן פּאַפּיראָס.

זוז, אַספּאַלט, וועגן

האַרבסט

אין הייסן שאַרפן גלאַנץ פון טיפן ווילדן גאָרטן,
וואו ווערבעם הענגען בלייך און סאַסנעס וואָלקן־טונקל,
וואו טולפּען פלאַקערן ווי גאָלד און ווי גאַרפונקל,
אין זון־דורכשטראַלטן, זון־באַרוישטן גאָרטן
שמידט דער היישעריק דעם האַרבסט.

אַ פראַסטיק, האַסטיק ליד שטייגט אויף פון יונגע גראָזן
און האַמערט אין די בליענדיקע בוימער־שפּיצן,
און פייגל זון־באַזוימטע וויגן זיך און בליצן.
אין שטילע, ציטערדיקע, ברענענדיקע גראָזן
שרייט דער האַרבסט.

איבער ברוינע דעכער

איבער ברוינע דעכער רויטער שיין.
און בלינדע שויבן ווי פּערל אין וויין.
איבער טונקעלע גאַסן בויגט זיך די רו.
מיין ווייטער דו.

איבער טונקעלע גאַסן בויגט זיך די רו.
ברענען ווי טרערן די פייערן מיד.
אויף טעלעגראַף־סטרונעס צעוויגט זיך אַ ליד:
דו, דו...

פ אָ ר נ אַ כ ט

אַ, פֿלאַמענדיקע גערטנער ביי דעם ראַנד פֿון הימל,
צעפֿאַטעלטע איריסן, יונגער בעז און מאָן,
און שווערע טונקל־גאָלדענע און טרויעריקע רויזן
און די בלויע בלום.

און נאַסן גרוי־לילאַ ווי פֿליגל פֿון טויבן.
די טיפֿע אוינן פֿון זאַכן שליסט חלום און דרימל.
און מענשן ווערן טונקעלע און טרויעריקע רויזן,
און די ערד ווערט אַ שאָטן פֿון הימל.

זון

איך ווייס, אַז די זון איז גאָט'ס גאָלדענע מאַסקע.
אָפט ווער איך רואיק און גוט,
ווען שגעון און עקל יאָגט דורך מיין בלוט —
גאָט שמייכלט צו מיר פון הינטער זיין מאַסקע.

עס טרעפט, אַז אין שווערן גרין־גאָלדענעם גאָרטן
הענגט די זון, ווי אַ פרוכט אויפן בוים.
דערפילט האָב איך דאָרטן
איינמאָל אין אַ ליכטיקער שעה
איר זאַפט אין מיין מויל.

און אַמאָל פאַרנאַכט אויפן ים
איז זי אַ פייערדיקער שוואַן.
אַ ווייסע און אַ גלייכע
מיט אַ זילבערנעם האַרן צווישן די ליפן
בין איך אויף איר רוקן איינמאָל געריטן.

האַרבסט

דער צער פון פאַרגיין,
מיין ליבער...

ווען מיר גייען
איבער די לאַנגע און לערע אַלייען,
און דיין האַנט, ברוין און האַרבסטיק,
האַרבסטיק און מיד,
רוט אויף מיין האַנט,
און מיין בלוט בליט ניט,
און מיין בלוט געדענקט דיך ניט...

מיין ליבער,
דער סוד פון פאַרגיין...

איך מיין,
אַז די ערד
אין איר לוסט צום פאַרגיין
האָט אונז פאַרוואַנדלט אין שטיין.
צוויי גרויסע פינסטערע סטאַטועז
וואַנדלען לאַנגזאַם מיט שטיינערנע טריט
איבער טויטע אַלייען.

ר ע ג ן

1

אין זילבערנעם רעגן האָבן זיך בלומען געוויגט,
מיט אייגענעם דופט זיך באַרוישט און פאַרוויגט,
זיך לאַנגזאַם געבויגן
אונטער לאַנגע און לאַשצענדע פינגער פון רעגן.
נראָזן האָבן צו דער ערד זיך געבוקט.

אין זילבערנעם רעגן האָבן זיך ביימער צעבליט
מיט בלייכע אַפּאַלן אויף יעטווידער בליט,
מיט לופטיקע קרוינען און לופטיקע שטאַמען,
ווי פאַר׳כישופ׳טע, זילבערנע, שלאַנקע פאַנטאַנען,
ווי אַ הויך געשוואונגען און דורך טרערן געזונגען ליד.

2

דער טאָג איז וויאָלעט.
ווי וואָלקנס כוואַליען זיך גאַסן,
און קופּער און בלוט פּליסט אין שלאַנגישע פּאַסן.
דער גאָלדענער לאָק פון אַ מיידל
צעוויגט זיך ווי זונשיין אין נעפּל,
און עס שווימען געזיכטער אַנטקייגן
ווייט און אויסטערליש איידל,
אין זיך פאַררוקט.
ס'איז אַראָפּ אויף דער ערד היינט דער הימל,
עס גייען מענשן זיך רואיק אין הימל,
רואיק, פון צער דורכגעצוקט.

האַרבסט

ס'פאַלט דער האַרבסט אויף דער שטאָט און אויף מיר.
פינסטער האַרץ, שוויַיג און באַוואונדער:
זע, אַ נאַקעטער צווייַג מיט אַ בלאַט
בליט אין אַספאַלט צאַרט ווי אַ ליליע.

שווערער האַרבסט. שווערע טריט. איך בין אַלט.
פינסטער האַרץ מיינס, ניט שעלט, גלויב אין וואונדער:
ערגעץ־וואו אין אַ שטאָדט, אין אַ וועלט
בלי איך איצט ווי אַ ליליע.

שניי

דער שניי בליט היינט אויף אַלע בוימער.
וואָס־זשע ביזטו אומעטיק, מיין שנייאיקע,
מיין דערווייטערטע, נישט־דאַאיקע?
די שמאָלע הענט אַראָפּגעלאָזן
און צוגעמאַכט די אויגן, די מימאָזן,
זיך איינגעוויגט, זיך אָפּגעשלאָסן
צווישן שאָטנס שאַרכנדיקע,
אַ לייכטע און אַ האַרכנדיקע,
ווי אַ קליינער ווייסער פויגל.

ווי דערשאָסענע שניי־פייגל
פאַלט היינט דער שניי פון אַלע בוימער.

ב ר י ס ק

1

די אַלטע שטאָט, אַ שטאָט אי קליין אי גרוי,
איז טויט אַצינד ווי אַמהען און ווי טראַי.
נאָר ליבנדיק, פאַר־צער׳ט, מיט ווייכן אָטעם
כישוף איך פון זיך ארויס אַמאָל איר שאָטן:
די נאַסן אין פאַמעלאַכדיקן גאַנג אַן ווילן,
די שרעקיקע און אייביק פלוצלינגע אַפרילן,
די רעגנס פול מיט זון, די פעסטונג דראַענד־שטום,
די מידע פליגל פון צוויי אַלטע מילן.
די דעמבעס וואַנדערן אַרויס פון קיסר־סאַד,
דער רודער צוקט איבערן טייך, דער רודער שאַרכט: „אַ שאַד, אַ שאַד".
און ס׳געניצן די ליידיקע בולוואַרן,
מעכטיק שטראָמט דער טיי פון בלישטשענדיקע סאַמאָווארן,
איבער בענטש־ליכט, תחינות, אייניקלאַך —
אין אַן אַרגיע די שלייפלאַך פון די באָבעס,
און דינע ליפּן שעפּטשען אַלץ די נעמען פון די אבות.
אויף טישן פינגער אין די בערד און אויפגעמישטער ש״ס
און ס׳פלעכט דער ניגון זיך מיט אַ סטודענטס אַ באַס.
אין גערטלאַך — זונבלומען, רעזעדע, מאָן,
בלאַנדע צעפּ, קאַקאַרדעס, פּושקין און נאַדסאָן.
און אין רויטער דעמערונג, מיט רייד אַלץ נעפּלדיקער, שטילער,
ווי נאָך אַן אומזיכטבאַרן פידל־שפּילער

ציען פֿאַרלאָר זיך אין פֿעלד.
און איבער אַלץ אַזוי פֿיל פֿרילינגדיקער טרויער, שימער,
דער ריח פֿון בעז.

2

יונגע פֿרויען ביינאַכט אויף די שוועלן
רעדן פֿאַרטיפֿט און סטאַטעטשנע
וועגן די מענער אין דייטשלאַנד,
וועגן ניט־גוטע,
וועגן ציגיינער.

לאַנג שטייען קינדער אין שאָטן,
פֿלאַטערן, האָפֿן,
אַז באַלד כאַפּט זיי אַ ציגיינער.

לויטער קליינע קלעאָפּאַטרעס,
פּופּצניעריקע פֿריילינס,
מיט הענטשקעס און פּאַראַסאָלן
שווימען צירלאַך איבער אַלייען,
ציען אַרויף און אַראָפּ דעם וואַל,
הערן שטרענג ווערטער, וואָס קושן,
און „אונאַסי מאָיו דושו
ו טו טשודנויו דאַל...“

בלענדענדע בייטאָגן.
אַלע קרעמער דרעמלען.
אַלע גייער דרעמלען.

אַמאָל ווי אַ שטורעם
טראָגט זיך אַ צדיק
מיט שטראָפּנדע ברעמען.
די גאַסן נייגן זיך.
די בחורים
האַלטן דעם אָטעם איין.

אין הינטערגרונט סאָלדאַטן, אָפּיצערן
מאַכן קאַליע
די אידישע לאַנדשאַפט.

אויפן האַרבאַטן שאָסיי
ווי אַ סאָבוויי דונערט
אַן איינזאַמער איזוואָשטשיק.

אָ, ווייכע זאַמדן פון מיין שטאָט.
דעמבעס און טיי־רויזן.
ווי דער ריח פון פריש ברויט
איז יעדן פרימאָרגן
אין אַלע גאַסן
און שטיבער
דיין „גוט מאָרגן!“

אָ ד ע ם

גערייגקט איר, שיינער ריטער,
דעם פריילאַכן פלאַטער־פליטער
פון שלייערן, אויגן און צעפּ?

פלעגט איר דעם הויף נאָר פאַרבייגיין
אומבאַקאַנט, שלאַנק און פאַלקאַמען,
איבערן ראַנד פון באַלקאַנען
פלעגן מיידלאַך זיך ציטערדיק נייגן.

אַ, טרויעריקער ריטער, געדיינקט איר
אַ ליכטיקן שמאָלן אוואַל
אין גאָלדענעם, בלענדענדן זאַל?
און אַ לאַשצענדן און אַ פאַרביינקטן
האַלב־פאַרגעסענעם וואַלס
אויפן האַלב־קינדישן באַל?

און אויף בולוואַרן, פאַרשפּונען
אין שיין פון עלעקטרישע זונען
האַלב געשוועבט און האַלב געשוואומען
האָבן מיר, גאַנץ אין זיך פאַרשלאָסן.
און פון אָרקעסטער איז געפלאָסן

די פֿאַר־חלומ׳טע פּאַפּורי
און געבעטן: „בלי!“

און קענט איר זיך דערמאָנען
אַלץ דאָס, וואָס האָט ניט קיין נאָמען
און איז בלויז אַ דופּט און אַ סוד?
און דעם אָטעם פֿון סטעפּ,
און פֿון זון, און פֿון סמאָלע?
און צום זינגענדן ים האָט די שטאָט,
ווי מיט אַ זיידענעם שלעפּ,
גענידערט פֿון טויזנט מירמעלנע טרעפּ.

נית צופרידן

... און די מענטשן קוקן אויף מיר קרום,
אזוי אַז כאַטש נעם און צעוויין זיך...
איך בין נית צופרידן מיט מיין „פּוירנישער רום",
איך בין נית צופרידן מיט קיין זאַך.

געוויגט זיך היינט אויפ׳ן „סטראַפּ" אין „על"
צו טאַקט מיט פאַרשוואַרצטע אידן.
ס׳איז די נאַכט געווען שוואַרץ, ווי דאָס געמיט פון אַ קנעכט.
איך בין מיט די נעכט נית צופרידן.

און די טעג זיינען היילִיק און געל,
ווי פּסוקים אין אַלטן סידור.
אפשר וואָלט מיר נית געווען אַזוי שלעכט,
ווען איך טרוים נית קיין לידער.

אין קאַפּע

.1

איצט אַליין אין קאַפע,
ווען עס לעשן זיך שטימען און וויאַנען,
ווען פערלדיק צינדן זיך לאַמפּן
און שווימען אַרויס פון קאַפע
ווי לויכטנדע שוואַנען
איבער דער גאַס —

— קעלנער, שוואַרצע קאַווע — דעמיטאַס.

איצט אַליין אין קאַפע,
ווען עס שאַרכן די רגעס ווי זייד,
הויב איך אויף צו דער גאַס, צו דער ווייט
מיין שוואַרצן און דופּטיקן וויין.
און ווי אַ געזאַנג איז דער געדאַנק,
אַז ס'פאַלט פון מיר אין טונקלקייט
אַ ווייסער שיין.

.2

און אַלע פּנימער אין רויך ווי מאַסקן.
אַ וויץ, אַן אַקסל־צוק, אַ בליק אַ טריבער,
און פאַלשע ווערטער צינדן זיך, פאַרבלאַסן.
האָב איך דיר ווי געטאָן, מיין ליבער?

מיר טראָגן אַלע דאָ פאַראַכטלאַך־קאַלטע מאַסקן.
מיט קלוגער איראָניע פאַרשטעלן מיר דעם פיבער
און טויזנט שמייכלען, און געשרייען, און גרימאַסן.
האָב איך דיר ווי געטאָן מיין ליבער?

.3

מיטן פראַסטיקן שיין פון די לאָמפּן
און בליקן, און שטימען
שווימט דיר אַקעגן מיין שווייגן —
אַ געהיימער און ליכטיקער סימן.
קרייזט ווי אַ זומערווינט אַרום דיר.
רעדט ציטערדיק צו דיר
וועגן דיר און מיר.
אָ, שטילע, שטילע ווערטער
וועגן דיר און מיר.
און שווייגט.
און ווינט דיך מיט בענקענדע הענט.
און נעמט דיך מיט ווייסע און צוקענדע הענט.

מיידלאַך אין קראָטאָנאַ פּאַרק

אין האַרבסטיקן פֿאַרנאַכט
האָבן מיידלאַך זיך פֿאַרוועבט
ווי אין אַ וועלקן בילד.
זייערע אויגן זיינען קיל, דער שמייכל ווילד און דין.
זייערע קליידער זיינען לאַווענדער, אַלט־רויז און עפּל־גרין.
אין זייערע אָדערן פליסט טוי.
זיי האָבן ווערטער העלע און לערע.
זיי האָט אין טרוים געליבט באָטיטשעלי.

פינפטע עוועניו, פארנאכט

1.

עס איז אפּרעל
און דער ריינער רוף פון אַ גלאָק.
אויף פייערדיקע הענט
הויבט די נאָס אויף
דעם שטאַרבנדן טאָג.

ווי שיין, ווי טרויעריק זיינען אַלע געזיכטער.

עס איז דער טרויער פון אַפּרעל,
און שוואַרצע פּראָצעסיעס פון אָטאָס,
פאַרבלייכטע דין־רווישנדע קליידער,
און אויף מאַרמאָרנע טרעפּ פון האָטעל —
מענשן איינגעפּאַסט אין איידלשטיינער
פון איידל־רואיק־לויכטנדיקע ליכטער.

.2

איבער דער אונטיקער עוועניו,
אין לילענעם נעפּל פון דער עוועניו
האָבן פייערדיקע שמעטערלינגען
אויפגעפלאַטערט.

איבער דער עוועניו
שווימען,
ווי פאַר'סוד'טע שיפן,
לימוזינען,
און עס הענגט דער פאַרצווייפלטער רויער געשריי פון סירענען
דראָענדיק.

טראָגנדיק נאַכט אין זייערע אויגן,
נאַכט און צעשטערונג און גאָלד אין די אוינן,
ווי לידער זיך וויגנדיק, גייען יונגע פרויען,
און שפּרייטן אויס נערוועז איבער דער עוועניו
זייערע קליינע פליגל
פון וואַנזיניקע שמעטערלינגען.

בראָדוויי, אָוונט

דער אָוונט בליט. די גאַס רוישט העל ווי טויזנט קוואַלן.
עס שווימען פייערן אַרויף פון זונשטויב און קאַראַלן.
וויטרינעס — פלאַמנדיקע היילן. וואַסערפאַלן
פון טיפן סאַמעט, זיידענס שוועט און קיל.
און מענטשן אין אומענדלאַכן קאַדריל
באַגעגענען זיך און ווערן וואו פאַרפאַלן.
און ס׳זוכן אויגן, אויגן זינגען, לאַכן,
אָבער מיר דאַכט, עס קניען אַלע זאַכן.

בלוי בליט דער ווינט. בלויע שאָטנס פאַלן.
עס פליט אַ קאַר פאַרביי אויף לאַנגע שוואַרצע שטראַלן.
אַ רעקלאַמע שניידט זיך איין אין הימל ווי אַ שווערט.
און שטימען שאַרכן, קושן זיך, אי יאָ אי ניט דערהערט,
און וויקלען זיך אַרויף ווי ליכטיקע ספּיראַלן.
און אויגן זוכן, אויגן זינגען, לאַכן.
אָבער מיר דאַכט, עס איז אַ טרויערן, עס איז דאָס לעצטע וואַכן,
די לעצטע שעה פון געזעגענען מיט דער ערד.

ט ו י ע ר ן

איך גיי דורך טויזנט הויך־געוועלבטע טויערן,
וואָס הילכן אָפּ מיט פייערלאַכער בראַנז.
די זון שפּרייט זיך ווי פון אָרגל אַ געזאַנג
דורך די צעפראַלטע גליענדיקע טויערן
מיט זייער טיף־געקריצטער עפּאָפּעע
פון ליבע און פאַרצווייפלונג און רעוואָלט
און אַלץ, וואָס איז ניט געשען,
און האָב פלאַמנדיק געוואָלט.
און עטלאַכע לאַנג דורכגעלעבטע שעה׳ן אין די נישן —
סטאַטועס נאַקעטע, און אייביק יונג און שלאַנק.
אַ, גוט, ס׳איז גוט דער וועג צו שרעק און אונטערגאַנג
דורך זון־פאַרשטראַמטע, זינגענדיקע טויערן.

דורך בונטע שויבן

דורך בונטע הויכע שמאָלע שויבן
דערשווימט צו מיר דאָס גרויע לעבן.

איז יעדער מענטש אַ שלאַנקער פייער,
אַ וואָלקן, אַ טורעם, אַ חלום אַ נייער.

גייט יעדער אויף גאָלדענע, פּורפּורנע וועגן
גרויס און שווייגנדיק דעם טויט אַנטקעגן.

און די גאַנצע ערד איז אַ פאַרגייענדע זון,
אַ ריזיקע, פלאַמיקע, שטאַרבנדע בלום,

וואָס שיקט איר צאַנקענדן רעגנבויגן
צו מיר דורך די הויכע בונטע שויבן.

דאָס שטאָלצע ליד

אויף גאָלדענע שטולן
אין הויכע פּאַלאַצן
זיצן די קעניגינס פון לעבן.
זייערע אויגן זיינען האַרטע ברילִיאַנטן.
זייערע ליפּן זיינען רייפע גראַנאַטן.
און מיט ווייסע איידעלע הענט
טיילן זיי צווישן מענער
בעכערס מיט גיפט און בעכערס מיט גליק.

אויפן פינפטן שטאָק
אויף אַ צובראָכענעם שטול
זיץ איך, די קעניגין פון וואָרט.
און מיט ווייסע איידעלע פינגער
שאַף איך אַ ראַסע פון מענער,
פון פרויען און פאַרטראַכטע קינדער,
און טייל צווישן זיי
בעכערס מיט גיפט און בעכערס מיט גליק.

דער מאַסקאַראַד איז אויס

אויך איך האָב אין וואָלקנס געזען טיטאַנען.
עלפּן האָבן געבלאָנדזשעט איבערן אַספאַלט.
שטערן האָבן געבליט אויף שטאָלענע שטאַמען
און הויך האָט געפלאַטערט דער אַלט
פון דעם טונקעלן קוסט.
די נאַכט, אַ יונגער נעגער מיט אַ רויז,
האָט לאַכנדיק גענייגט זיך איבער מיר.

איך בין איצט אַלט —
דער מאַסקאַראַד איז אויס.

און איך ליג ביי די וואָרצלען פון זאַכן.
שווער יאָגט זייער פּולס דורך מיין שטוינענדיק האַרץ.
עס איז אַ יערן, אַ וואַקסן, אַ טומלדיק וואַכן,
אַ פייגלאַך קלעטערן צום ליכט דורך שטיין און אַרץ.
די ערד קרייזט פייערלאַך מיט אַלע אירע טויטע,
מיט קראַנקע טרוימענדיקע שטעט,
מיט באַרג און וואַלד און בלייכן
שימערנדיקן גאַרטל פון וואַסערן.
און איבער איר די פייערדיקע אומבאַקאַנטע צייכנס

פֿון שטערן, זונפֿאַרגאַנגען, מאָרגנרויטן.
געשטאַלטלאָז שפּרייטן זיך די נעכט און זייִנען אָן פֿאַרגלייכן.
די שרעק פֿון טויט שרייט פֿון אַלע טיפֿן,
און מילד לייגט זיך איבער זיי דאָס גאָלד פֿון לידער, העלע מיפֿן.
און אַלע לעבנס זייִנען רייך אין טרויער און זייִנען ענלאַך,
און גרויס איז אַלץ און אומפֿאַרשטענדלאַך.

ראובן לודוויג

א שווערער טאָג צווישן קברים.
דער הימל איז בלייערן, דער הימל איז גרוי.
איך וועל גיין אין גאַס און אפשר טרעפן
לודוויגן מיט זיין שיינער פרוי.
ער וועט טראָגן דעם מאַנטל איבערן אָרעם,
מיר וועלן גיין צווישן לידער, ווי צווישן טאַפּאָלן,
און ער וועט פרעגן לאַשצענדיק, איינפאַך אזוי:
„איז וואָס־זשע מאַכט איר, מאַרגאָלין?"

מיט רייד פאַרנאַכטיקע שטילע
דערמאָנען מיר אים,
מיט רייד ווי א טרער, ווי א תפילה,
ווי דער אָנריר פון ליבע פינגער
און דינע,
פאַרנאַכטיקע, שטילע...

ער איז געווען לירישער ציגיינער, א מענש פון דרום,
שטורעמדיק, שטאָלץ און ריטערלאַך־גוט.
ער פלעגט טראָגן דעם מאַנטל איבערן אָרעם,
מיט ברייטע ראַנדן דעם הוט.

מיר פלעגן גיין צווישן לידער, ווי צווישן טאָפּאָלן . . .

און זיין קול, האַסטיק און ברייט,
האָט געמישט אומגעניט ווי אין אַ טיגל
רויטע ערד, וואָלקנס, פאַרלאָשענע פרייד,
די מיסיסיפּי, און שבטים, און טאָלן.
ער איז ניט געווען קיין ציטערדיקע פלייט,
ניט קיין מלאך מיט איידעלע פליגל,
ניט קיין איינער פון די אָבליאַקירטע סימבאָלן.

ער איז געווען אַ מענטש אַ פּשוטער, היים און באַטריבט,
און אַזאַ האָבן מיר אים געליבט.

און געדענקען וועלן מיר די שווארצהויטיקע שלעגער,
די באַרגיקע ליפּן פון נעגער,
דייזי מעקלעלאַן, די אומפּרוכטבאַרע מוטער,
אפשר דאָס אַלץ, אפשר ניט מער.
ווייל לודוויג, דער צו יונג מידער,
איז שענער געווען פאַר זיינע לידער.

מיר וועלן גיין צווישן לידער, ווי צווישן טאָפּאָלן.
ער וועט פרעגן לאַשצענדיק, איינפאַך אַזוי:
„איז וואָס־זשע מאַכט איר מאַרגאָלין?"

טויט־מיד פון דער לאַסט פון אַ חלום

„וועלט״ שרייבן מיר אין זאַמד
און „גאָט״.
און טויט־מיד פון דער לאַסט פון אַ חלום,
און אַ ביסל מיט שפּאָט
קריצן מיר טיף איין אין זאַמד:
„אייביקייט״.
און עס גייט שווער און בלינד אונזער האַנט,
ווי דורך אַ שטורעם.
עפּעס וועט מוזן, מוזן בלייבן אויף דער ערד:
אַ גלאַנץ פון קיינעם ניט געזען,
אַ וואָרט פון קיינעם ניט געהערט.

בלויז איין ליד

איך האָב בלויז איין ליד —
פון יאוש און שטאָלץ.
עס טונקעלט און גליט
אין בראָנז און שטאָל.

אַ רויער אַקאָרד.
פיל שווייגן, פיל שאָטן.
איך פורעם דאָס וואָרט
מיט מיין לעצטן אָטעם.

מיט זכרונות שווער,
ווידער און ווידער
גיי איך ווי אַ שווערט
דורך די לידער.

צו פראַנץ ווערפעל

„ווי זעליג זינד וויר,
די אין פאָרמען וואָהנען."
פראַנץ ווערפעל.

אַזוי איז עס שטענדיק געווען:
בין געוואַקסן צווישן זיילן פון לידער.
גרויסער ברודער, עס איז ניט קיין גליק, ניין.
מיינע פליגל האָבן צו הויך מיך דערהויבן
איבער מענשן, איבערן לעבן.
אין לערען רוים בין איך אַ טרויעריקע סטאַטוע,
אַ זינגענדיקער שטיין.
ווי פון אַ פיינדלאכן שטערן
שווימען שטימען, געלעכטער, געוויין.
גאָט, איך בין צופיל אליין.

מיר וועלן בויען א וואנט*)

מיר וועלן בויען א וואנט,
אז דאָס טרומייטן
וועגן די נייע צייטן,
אז דער געפילדער
וועגן דער גרויסשטאָט דער ווילדער,
און די געשרייען
וועגן משיח'ישע ווייען
אויפן בראָכשטול פון פארלאָרענע וועלטן
און דערנלייכן
זאָל צו אונז דאָ ניט דערגרייכן.

שמייכלענדיק בויען א וואנט

אונז וועט פארבלייבן די שטילקייט — דאָס הארץ פון דעם שטורעם,
א וועלט וואָס איז פראָסט און דערהויבן און אָרים.
דער בליק, און דער זשעסט, און געפליסטער פון ליבע און שטארבנדע זאכן,
פון פילפאכן ריטם פון לעבן די פארהוילענע גרונדמעלאָדי.
און אפשר וועלן מיר נאָך יאָרן מי
איינקריצן אין לבנה־שיין פון דורכזיכטיקע שורות
דעם לייכטסטן בויג פון א צווייג.

---

*) די ערשטע העלפט איז פון ר. אייזלאַנד.

ווי שוואַרצע טאַנצנדיקע שטערן
קליינע פייגל אין פלי,
דאָס קול פֿון צער טיפקלינגנדיק און גרוי,
די בלייכע לויכטנדיקע ליפּן פֿון אַ מידער פרוי.

מַארי

וואָס ווילסטו, מאַרי?

וואָס ווילסטו, מאַרי?

אפשר אַ קינד זאָל ליכטיק דרימלען אין מיין שויס.
די טיפע שטומע אָוונטן אין שטרענגן הויז
אַליין. פאַמעלאַך וואַנדערנדיק.
אַלץ וואַרטנדיק און וואַרטנדיק.
און זאָל מיין ליבע זיין צום מאַן, וואָס ליבט מיך ניט,
שטיל און ווי פאַרצווייפלונג גרויס.

וואָס ווילסטו, מאַרי?

איך וואָלט געוואָלט די פיס פאַרוואָרצלט אין דער ערד,
אַליין שטיין אין דער מיט פון טויאיק־העלן פעלד.
עס גייט די זון דורך מיר ווי דורך אַ יונגער וועלט,
דאָס רייפן און דער דופט פון דרימלענדיקן פעלד.
און פּלוצים יאָגט זיך אָן אַ ברייטער ווילדער רעגן
און שלאָגט און קושט מיך טומעלדיק און שווער,
אַ שטורעם ווי אַן אָדלער קומט געפלויגן,
זינקט שרייענדיק אין מיר און בויגט מיך הין און הער.
בין איך אַ מענש, אַ בליץ, דער אומרו פון די וועגן,

אָדער די שוואַרצע קרעכצנדיקע ערד?
איך ווייס ניט מער. מיט טרערנשווערע אויגן
גיב איך זיך אָפּ דער זון, דעם ווינט און רעגן.

אָבער וואָס ווילסטו, מאַרי?

מאַריי׳ס תפילה

גאָט, הכנעה׳דיק און שטום זיינען די וועגן.
דורכן פייער פון זינד און פון טרערן
פירן צו דיר אַלע וועגן.

איך האָב פון ליבע געבויט דיר אַ נעסט
און פון שטילקייט אַ טעמפּל.

איך בין דיין היטערין, דינסט און געליבטע,
און דיין פּנים האָב איך קיינמאָל ניט געזען.

און איך ליג אויפן ראַנד פון דער וועלט,
און דו גייסט פינסטער דורך מיר ווי די שעה פון טויט,
גייסט ווי אַ ברייטע בליצנדיקע שווערט.

מאַרי און דער פּריסטער

מאַרי, ביזט אַ בעכער מיט אָפּפער־ווײַן,
אַ צאַרט־פֿאַררונדיקטער בעכער מיט ווײַן
אויף אַ פֿאַרוויסטן מזבח.
אַ פּריסטער
מיט שלאַנקע לאַנגזאַמע הענט
הויבט אויף הויך דעם קרישטאָלענעם בעכער.
און עס ציטערט דײַן לעבן און ברענט
אין זײַנע אויגן, אין זײַנע הענט
און וויל אין גליק עקסטאַטישן און שווערן
צעשמעטערט ווערן.
מאַרי, מאַרי,
באַלד וועט מיט אַ העל געוויין
דײַן לעבן זיך צעברעכן,
און פֿאַרבן וועט דײַן טויט
דעם טויטן שטיין
הייס און רויט.
און עס וועלן שמייכלען די פֿאַרגעסענע געטער
הייס און רויט.

איינזאַמע מאַרי

צווישן מענטשן איז זי
ווי אין מדבר געווען,
פלעגט זי מורמלען אַליין
איר נאָמען: „מאַרי“.

און געוועזן מאַרי
און אויך געליבטער מאַן:
„ווי דורך הייסן טומאַן,
מאַרי,
הער איך דיין קול,
זע איך דיין שאָטן“,
פלעגט זי מורמלען אַמאָל
אונטער איר אָטעם.

און בלעטערן ווייך
דאָס גליק דאָס אויסגעטראַכטע,
און ווערן פּלוצים בלייך
פון זעלבסטפאַראַכטונג.

מאַרי און די געסט

מאַרי גייט איבער די צימערן אויף און אָפּ,
צעשטעלט די פּרוכט, דעם וויין, די שלאַנקע בלומען,
נייגט זיך, שמייכלט אין פאַרווירטער לוסט,
און די שטוב איז פּוסט,
כאָטש אַלע זיינען זיי געקומען.

זאָל איצט איר אַרן, וואָס אַ יוגנט לאַנג
האָט זי געצאַנקט אין אָט דעם אַלטענ׳ס זונפאַרגאַנג?
זאָל אַרן איר, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַמאָל איר אָטעם
דאָס טרויערשפּיל פון לעבן, ווען עס לעשט זיך,
באַגלייט פון יאוש און פון בלענדענדן געדאַנק?
געוועזן איז ער לאַנג דערנאָך דער גרויסער שאָטן
איבער זיי אַלעמען, טרוימער, האַרן, קנעכט,
וועמען זי האָט געקענט אין די נעכט.
דו שווייגנדיקער, אינגל ברוינער,
פרעמדער, ווי פאַרבלאָנדזשעט פון אַ שטערן,
ביזט געווען מיין נאַכט אין ווייסן צימער, אין אַ פרילינג,
און מיסטיש־טונקלער וויין אין הויכן בעכער.
און דו האַלב הייליקער און האַלב פאַרברעכער,
צי גאָר פּאָעט. געדענקסט די שאַרפע פרייד,
די אויסברוכן פון צערטלאַכקייט און צאָרן
און צולעצט דאָס מערכנהאַפטע פּאָרן

דורך זומער און דורך דרימלענדיקע שטעט?
און דו, און דו, און דו — אַ לאַנגע קייט.
און דאָס קינד איז דאָ.
עס איז געקומען צו דער מוטער׳ס טיר פון זייער ווייט.
עס האָט אין אַ ווינקל זיך פאַררוקט, קליין און פול מיט טרויעריקייט.
עס איז אין זיך פאַרטיפט, דאָס קינד, און שטיל און ווייס.
אויגן, קלאָגט מיך ניט אָן, אויגן, קערט זיך ניט אָפּ.

בעטלער, זיי געגריסט! ביזט מיאוס און פינסטער ווי אַ ראָב,
דאָך האָב איך געזען דיך ליכטיק לאַכן ווי אַ גאָט
איינמאָל אין שניי און שטורעם.
און אָט איז אַ גרינער שטערן, צוויי קוסטעס פון יאַסמין,
אַ ברונעם אין אַ הויף — אַלץ געסט פון ליטע.
און אַ חתונה, צעבליטע לוסט, און מענשן קעפּ אויף קעפּ,
און גאַסן אין ווירוואַר, און פייערן לאַנג פאַרגליטע.
און אַ ריז אין אולם צווישן מויערן איינגעקלעמט.
און אויסגעהאַקט פון ווילדסטן חלום —
שווינדלדיקע ווינדלטרעפּ.
אין טרויער פון די נעכט, אין אַ ווייטער שטאָט,
פלעגן זיי אויפשטייגן פון ביינקענדיקן בלוט
און פלעגן פירן זי אַרויף, אַרויף —
וואוהין?
אפשר גאָר אין יענע נידריקע שטוב,
וואו נעפּלדיק, נאָענט
בלייכן זיך ביים לאָמפּ

דער מוטערס גרויער קאָפּ,
דער מוטערס שטילע הענט.
אויגן, קלאָגט מיך ניט אָן, אויגן, קערט זיך ניט אָפּ.

אַ פּליסטערן, אַ שאָרכן, שטילער שפּאָט.

מאָרי איבער די צימערן גייט אויף און אָפּ.
עס איז אַראָפּ אויף איר אַ קאַלטע רו.
אַלץ ווייטער, אומבאַקאַנטער ווערן איר די געסט.
ווער ביזטו דו? און דו ווער ביזט? און דו?
זי איז אַליין. ביי אַ פרעמדן פעסט.
זי איז קיינמאָל ניט געווען מיט זיי פאַרוועבט.
זי האָט איר לעבן קיינמאָל ניט געלעבט.

מאַרי וויל זיין אַ בעטלערין

זיין אַ בעטלערין.
ווי פון אַ שיף, וואָס זינקט,
וואַרפן אַלע אוצרות אויפן ווינט:
די לאַסט פון דיין ליבע און לאַסט פון די פריידן,
און אַז איך אַליין זאָל מער זיך ניט דערקאָנען —
אויך מיין גוטן צי מיין שלעכטן נאָמען.

זיין אַ בעטלערין.
שטום זיך שאַרן איבער גרויע טראָטואַרן,
ווי דער שוואַרצער שאָטן פון אַלע העלע לעבנס,
און פאַר געשענקטע גראָשנס
קויפן זיך צום שפּילן
אַ וואָנזיניקן חלום און אַ שטילן,
וואָס קנוילט זיך זילבעריק אין רויך פון אָפּיום.
איינשלאָפן אין גאַס אונטער דער זון,
ווי אין פעלד אַ מידער זאַנג,
ווי אַ צעפּליקטע בלום,
וואָס איז פאַרוועלקט און אומריין,
און דאָך געטלאַך,
און האָט נאָך אַלץ אַ פּאָר שיינע זיידענע בלעטלאַך.
און אויפלויכטן מיט קראַנקן ליכט פון אַ לאַמטערן,

זיך אויסוויקלען פון דער שטומער גרויער נאַכט,
ווי אַ נעפּל פון נעפּל, ווי אַ נאַכט פון דער נאַכט.
ווערן אַ געבעט און ווערן אַ פלאַם.
זיך אַוועקשענקען צערטלאַך, ברענענדיק און גרויזאַם.
און זיין איינזאַם,
ווי נאָר קעניגע און בעטלער זיינען איינזאַם.
און אומגליקלאַך.
און גיין אַזוי מיט פאַרוואונדערטע אויגן
דורך גרויסע סודות'דיקע טעג און נעכט
צום הויכן געריכט,
צום שמערצלאַכן ליכט,
צו זיך.

מאַרי און דער טויט

ס'האָט מאַרי זיך געזעגנט מיטן ליכטיקן הויז,
פאַר די ווענט זיך גענייגט און גענייגט און אַרויס.

און אַוועק אין דער נאַכט, ווי מען גייט אין אַ וואַלד,
וואו נאָט'ס אָטעם איז נאָנט און ס'שרעקט יעדע געשטאַלט.

די נאַכט האָט געלייגט זיך ווייך אויף איר ווײַ,
געלייגט זיך ווי שוואַרצער, ווי לאַשצענדער שניי.

און נעגאַנגען נאָך איר זיינען פריילאך און בונט
בעטלער און שיכור און וואַגאַבונד.

ווי טרויעריקע פייגל, קראַנק פאַרליבט,
האָבן קאַליקעס נאָכגעהיפּט.

און קרעציקע האָבן פאַרשעמטע געוויינט
און זיך די וואונדן פאַרשטעלט מיט די הענט.

און פאַראויס איז געגאַנגען פאַרבענקטערייט
דער אינגלינג טויט מיט דער טונקעלער פלייט.

געשטאַלטן

אַ מענטש

ער האָט געוואוסט:
ער איז אַ ניט פאַרענדיקטער עקספּערימענט
אין גרויסע ליידנשאַפטן, אמת, פּאָזע,
אַ ניט דערבאַקענע מעטאַמאָרפאָזע
פון הויכן גלויטיקן געדאַנק
אין אָרים פלייש און בלוט,
מיט מיליאָנען אַנדערע האַלב־ריזן און האַלב־גנאָמען
אַ שפּאַטישער אומניצלאַכער באַווייז,
אַז דער אַלמעכטיקער קען שוואַך
זיין פּאַד.

אָפּטמאָל פלעגט ער טראַכטן, שפּאַנענדיק אין שטוב:
„כדי אַ באַרג זאָל זיין, מוז דען זיין אַ גרוב?"

„נו, גוט, איך וועל דערשלעפּן ווי ניט איז דעם עול".
און ער פלעגט שמייכלען מיד און איבערקלוג,
גלעטן זיך דעם פּליך, רויכערן פאַל־מאָל,
זען ווי איבער טרעפּ פון יאָרע, אַמעטיסט
פאַמעלאַך קייקלען זיך די טעג.

און זיך אַליין אַמאָל פֿאַרטרויען ווי אַ סוד:
„ווי איך בין אַ איד“...
„ווי איך בין אַ איד,
עס איז ניט די קלענסטע צווישן העלדישקייטן
טרינקען שוואַרצע קאַווע
אין אַן אויגנבליק,
וואָס הענגט אומזיכער צווישן אייביקייטן,
און אויפהויבן די קאַווע פֿאַר אַ טאָסט:
„גאָט, איך בין דיר מוחל. הערסט?
איך בין דיר מוחל, גאָט“.

די משוגענע

ס'האָבן שטיינער געלייגט זיך ווי גראָז און ווי טוי
אונטערן צעפליקטן שלעפּ פון דער פרוי,
וואָס איז געגאַנגען לאַכנדיק אין רעגן
און הויך אויפגעריכט.
קינדער זיינען אַנגעלאָפן אומגעריכט,
געשפּריצט אַרום איר מיט אַ סווישטשען און קרייען,
און געטראַכט האָט זי, אַז משוגע
זיינען זייערע געשרייען.
און ווי פייגל־כאָרן
האָבן זיי זיך אויפגעלייזט און זיך פאַרלאָרן
אין אויסגעטרוימטער דרימלענדער מוזיק.
און ס'איז אַלץ וואָס געווען, געקומען צוריק.
געקומען מיט גוטסקייט.
געבעטן פאַרגעבן
פאַר'ן צער, וואָס האָט אַמאָל געגעבן.
אויף אַ ווײַלע האָט איר פּנים זיך פאַרטונקלט
און ווי אַמאָל זיך געקאָרטשעט פון שאַנד,
און זי האָט אַ ווײַלע געצעגערט
און באַלד מיט אַ ברייטן פיר פון דער האַנט
אַלצדינג, אַלצדינג פאַרגעבן.
זיינען שטימען זינגענדיק פאַרבייגעפלויגן.

האַט אַ באַקאַנט הויז אויף דער העלפט זיך פאַרבויגן
און טריי געשאַרט זיך צו איר מיטן הילצערנעם שוועל,
וואָס זי פלעגט אַמאָל, ווי אויף אַ באַפעל,
באַטרעטן מיט זינקענדע פּיס.
און זי האָט זיך געוואונדערט ווי נאָענט דאָס איז,
אַ גליק, ווי נאָנט עס טומלען די ליבע טריט;
און אימיצנס אויגן האָבן זיך פּלוצים צעבליט,
זי פאַרבלענדט און פאַרווירט
און דאָס לייב אירס באַרירט.
און אַלץ רופנדער ברייטער גערוישט האָט מוזיק
אין דער לופטן
און ווי אַ שטורעם געצוקט דורך אירע אַקסלען און היפטן.
און פאַרהויבן דאָס קלייד אין די הענט,
דעם קאָפּ אויף צוריק,
אונטערן ליאַרעם פון קינדער
און יאָמערנדן רעגן
האָט זי פּאַמעלאַך, פייערלאַך אַנטקעגנגעטאַנצט
איר טויטן לעבן.

דער גענגסטער

אין טיר פון טענעמענט, וואו פון די טרעפ אראפ
רייסט אויף די פינסטערניש דאס אויג פון א לאמטערן,
שטייגט ווי אין הייליקן שיין זיין קאפ.
אויפן שטיינערנעם געזיכט די אויגן פון מעטאל,
קיילאכדיק און ליכטיק, און ערינערונגען,
האבן די גאס מיט יעדן דורכגייער און יעדן אטא־שטראל
אין הונגעריקער לערקייט איינגעשלונגען.
ער טוט א הויב דעם אקסל לייכט און שארף,
א שאר, א בויג, אין טאש דעם סטילעט דעם קילן,
עס ליגט די גאס פאר אים ווי א גאלדענע הארף,
און זיינע ווילדע פינגער יאגן זיך צום שפילן.

אין טונקעלן צימער

אין טונקעלן צימער שטייען זאכן וואך ווי די הינט.
הערן ווידער דעם צאפל פון וואלד, די האק אין ווינט.
א ווארט פארשטיקט צווישן ווענט, דעם זיפץ פון א קינד.
אומרואיקע באלאדן שפילט דער לאמטערן־שטראל
אויפן שווארצן מאנסטער דעם ראיאל.
עס ברומט דאס האלץ.
עס טייטלט א פינגער און שווימט
איבערן פארהאנגס פליגל
און פארבויגט זיך אין שפיגל.
און טרויער שווימט פון די ווינקלען לבנה'דיק־בלינד,
ציט ארויף זיך פאר'עקשנ'ט, פארבענקט, פארשפינט
אין א שווערן היאצינט.

א האנט אויפן פארהאנג.
א שאטן אין שיין.
די טונקעלע פרוי קומט אריין.
דער פאטעל שלינגט זי איין. זי פארשווינדט.
זי איז בלויז א וואזע פארן גרויסן טרויעריקן היאצינט.

דאָס מיידל זאָגט

1

ווען איך זאָל זיין אַ קעניגין
און וואָלסט מיין פּאַזש געווען,
אַ אינגל פרויענהאַפט און דין,
און פאַלש און שיין,

וואָלסטו דורך זילבערנע אַלייען
מיין פּערל־אויסגענייטן טרען,
דו מיט מיין מאַלפּע זאַלבערצווייען,
געטראָגן צאַרניק און פאַרנעם.

און וואָלסט געמוזט דאַן זיין מיין היטער,
ווען אין אַ בליציקן גאַלאָפּ
קומט ער, מיין אָדלער און מיין ריטער,
און איך דעם גאָלד־באַשטויבטן קאָפּ

וואָלט צירלאַך צו אים צוגעבויגן,
די שמאָלע ליפּן, ווייך און רויט,
און דורך די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן
וואָלט איך געזען, ווי דער טויט

צוקט אין דיין בליק דורך שאַרף און גרין,
אויף דיינע ליפּן בלייך ווי אַש,
ווען איך וואָלט זיין אַ קעניגין,
און דו מיין פּאַזש.

2

דיינע ווערטער זיינען שטיינער.
דיינע ווערטער זיינען בייטשן.
בלוט שטראָמט.

איך וועל צומאַכן די אויגן.
איך וועל זיין באַלד אין אַ שטילן לאַנד.
איך וועל גיין אויף ברייטע שיינענדיקע וועגן.
מענטשן וועלן שווייגנדיק ביי די שוועלן שטיין,
פאַר מיר זיך נייגנדיק.
גרויסע ווייסע פייגל וועלן נידריק פליען,
די אַקסלען מיינע שטרייכנדיק.
מלאכים וועלן ערנסט און שטראַלנדיק מיר אַנטקעגנקומען,
פירן מיך אַ לויטערע, אַ פרייִדיקע,
אַ פרייִדיקע, פאַרבלוטיקטע.

3

איך האָב בלויז איין קלייד.
עס איז אַ וואָלוול וואָלן קלייד.
דאַריבער ציר איך זיך פאַר מיין געליבטן
אין שוואַרצן סאַמעט פון טרויער.
און ווערטער שיינענדיקע, טרוימענדיקע, דרימלענדיקע
מורמלען ווי אַ לאַנגע פּערל־קייט.
אָבער איך האָב בלויז איין קלייד —
פון ווייכן שוואַרצן סאַמעטענעם טרויער.

דאָס ליד פון אַ מיידל

יענע שעה, יענעם רייץ, וועל איך אייביק געדיינקען,
ווי אָן ווערטער אַ ליד, ווי אַ ליד פון ווערלען.
איך האָב אַזוי מורא טאָמער הער איך אויף בייַנקען.
וואו ביזטו דען?

ווי צוויט אינם ווינט האָבן געפלאַטערט געזיכטער
מיט צוקענדע ליפּן, ווי וואונדן רויט.
און ס'האָבן די פידלען, ווי טרוימענדע דיכטער,
געזונגען פון ליבע און טויט.

און אונזערע שאָטנס אין ריזיקע שפיגלען
האָבן אַנטקעגנגעשמייכלט שטייף און פאַרנעם,
ווען אַרום דיינע פיס האָט גענומען זיך וויקלען
מיין זיידענער טרען.

אָ, שיינער, איך וויל איצט אַזויפיל דיר שיינקען.
צי ליבע? צי טויט? ווייס איך עס דען?
נאָר עס בויגט מיך, עס וויגט מיך, ווי שטורעם, אַ בייַנקען.
קום און פאַרברען.

אַ פרוי זאָגט:

האָסט דען ניט געזען עס אין זיין בליק און גאַנג?
ער איז גרויזאַם און גרויס.
ער איז געפורעמט פון שטורעם.
די וועלט איז פאַר זיין אימפעטיקן גאַנג
אַ צו־ענג הויז.

און פאַר די שפּורן
פון זיינע פלאַמענדיקע טריט
בין איך די טרויעריקע ערד, שוואַרץ און מיד.
זעסט ניט די וואונדן פון די שאַרפע שפּורן?
אָבער אַמאָל
בין איך פון קינדער־מעשה׳לאַך דער הויכער טורעם
און שיץ אים, אַ דערשראָקענעם, פון שטורעם.

אנטראקט

דאָס איידעלע געוועב פון קלוגן שמועס,
ווי שפּינוועבס דורכגעציטערט פון אַ ווינט,
האָט פּלוצים זיך צעריסן.
זיך וואונדערנדיק, געלאַסן שמייכלענדיק,
האָט זי דורך דעם שווער־רוישנדיקן שווייגן
דערפילט אים,
ווי מען פילט אין שלאָף אַמאָל אַ וואָלף:
מיט אויגן גאָלדענע, פאַרלאָפענע,
ריפּן איינגעצויגענע,
לאַפּעם שטייף־געבויגענע,
אין רינגען שווינדלענדע זיך דרעענדיק
אַלץ ענגער ארום איר.
זיך וואונדערנדיק, געלאַסן שמייכלענדיק,
מיט עקל און מיט זיסן שוידער
האָט זי דערפילט דעם טעם פון וואָלפיש בלוט
צווישן די ציין.
און האָט זיך לאַנגזאַם איינגעבויגן,
געוויזן אים דעם הייסן, דעם פאַר׳חלש׳טן
ווייסל פון די אויגן,
אַזוי זיך לאַנגזאַם איינגעבויגן
און אויפגעקליבן
די פיין־געשניצטע ווערטער פון דעם קילן שמועס.

אויף אַ באַלקאָן

פון ווייטן זומער פליט צו מיר אַ הייס געלעכטער
פון צוויי קליינע צאַרטע פרויען.
זיי בלעטערן אַ בילדער־בוך.
זייערע הענט באַגעגענען זיך אין בענקשאַפט.
די ווייכע אַקסלען זוכן זיך און צוקן.
איבער אַ דורשטיקער אָראַנזשן־רויטער לאַנדשאַפט
וועלבן זיך פאַרווירט די העלע לייבער.

איבער זיי טורמט מעכטיק אַ מאַן
מיט שווערער גראַציע,
ווי אַ פּרעכטיקע און איבעריקע דעקאָראַציע.

מײַן װענוס טראָגט זײַדענע שיכלאַך

מײַן װענוס טראָגט זײַדענע שיכלאַך
אויף די בלענדענדע נאַקעטע פֿיס.
איר שויס איז אַ פּורפּורנער אירים.
אירע היפּטן ברײט און פּרעציז.
פֿון צװישן בראָנזענע האָר
אין מורמלענדן כאָר
שלײַכן זיך פּערל און ציטערן
און קושן די לענגלאַכע בריסט.
אין די בלײַכע לירישע ליפּן
איז שװערמוט און גלוט.
און בליץ אין די אויגן,
נעפּל, רויך,
פֿאַרשאָטנט װײַך
פֿון גרויסן שװאַרצן באַפֿעדערטן הוט.

פֿאַרגעסענע געטער

ווען צעאוס, און פֿעבוס, און פּאַן,
און קיפּריד, זילבערפֿיסיקע הארין,
וועלטבאַרוישעריז, וועלטבאַשיצעריז,
זיינען אין שווייגן פֿאַרהילט
אַראָפּ פֿון אָלימפּ,
האָבן זיי אין זייער לאַנגן און ליכטיקן גאַנג
דורך פֿלאַקערנדע און לאַנגזאַם זיך לעשנדע דורות
פֿאַקעלן געצונדן און טעמפּלען געבויט
אין די הערצער פֿון איינזאַמע,
וואָס ברענגען זיי אַלץ נאָך קרבנות און רויכערן קטורת.
די וועלט איז טיף און העל,
און ס'רוישן אייביק אַלטע ווינטן דורך די יונגע בלעטער.
מיט שרעק הער איך אין מיין זעל
די שווערע טריט פֿון פֿאַרגעסענע געטער.

איר שמייכל

איר שמייכל איז האַרבסטליכט איבער איר וועלט —
קיל און מיד און באַהעלט
די פּראַצע אין שטוב, די יאָרן אין שפּאַן
און מיט קינד און מאַן
דעם אייביקן נאַאיוון דיאַלאָג.

דאָס איז בייטאָג.

אָבער ביינאַכט, אין שלאָף פאַרשלאָסן,
איז איר פּנים פרעמד. אין גראָבן לייוונטענעם העמד
טאַנצט זי אַצינד אין שענק מיט זעלנער און מאַטראָסן,
געשליידערט און צוריקגעכאַפּט פון שטורעמדיקע הענט.
און לויערנדיקע אויגן אין איר איינגעזויגן,
קעפּ ווי ביי די אָקסן שטייף אַראָפּגעבויגן,
אָפּצאַסן שטאַמפּנדיקע, אַקסלען, עלנבויגנס
ווירבלען אַרום איר אַלץ דראָענדיקער, ענגער. צייגער בליצן,
ציינער גיריק אין די ליפּן איינגעביסן.
דאָ גאַרט דאָס בלוט זיך צו פאַרגיסן
און ליבע איז דאָ ענלעך צו אַ שלאַכט.

און ליבע איז אַ טשאַדענדיקער פאַקל, מאַכט
אומהיימלאַך און בלוטנדיק די ווענט. כישוף׳ט אויס

פון נאַכט אַ שטאָט באַרבאַרישע, אַ גאַס, אַ הויז,
מיידלאַך אין אַ רינג,
און זי אין מיטן, ברוין און גרינג.
און לאַנגזאַם רירן אַז אירע רויזגעפאַרבטע פינגער
דער פריינדינ'ס קליינע אויפגעשפּיצטע בריסט,
פאַלן צו, בלייבן שטיין
אין גליק ביז צום פאַרגיין.
און גליק, געזאַנג, געוויין
איז אין דער הינגעבונג פון הייסע פינגער.
און שמערצלאַך פלאַטערן אויף די וויעס
אויף אַ געזיכט, ווי פון אַ גאַט פאַרשטיינט.

ווי אַ שיינע ווילדע מעשה, וואָס מען האָט געלייענט
און ניט דערלייענט, און אין מיטן זיך פאַרטראַכט
וועגן אַ שטאַלענער פייערלאַכער נאַכט,
וואָס האַלט דעם לעצטן סוד אין שוים,
וואו אַלע מעשיות זיינען אוים —
אַזוי זעט זי איר לעבן. ווי אַ הויכן פלאַם,
פאַרשטאַרט אין גאַלדענעם טאַנץ, און ס'איז אַ טויטער פלאַם.
און ס'איז גרויער ווינט און גרויער ים,
און פון אונטערויט ראַלט דאָס טרויעריקע גאָלד,
און זי גייט פון פרייד באַפרייט
צו לעצטער פראַסטיקער איינזאַמקייט,
און ווייסט ניט, אַז איינער וואַכט נעבן איר.

איר געזיכט איז פאַר אים אַ פאַרשלאָסענע טיר,
און הינטער איר לויערן שרעקן. ער קוקט און ליידט.
ער ליידט.
זיינע ליפּן וועקן איר זעל אויף די טונקעלע וועגן,
אירע ליפּן, וועלכע אין חלום זיך רעגן.
זי עפנט לאַנגזאַם די אויגן,
לאַנגזאַם שמייכלט זי דעם מאַן אַנטקעגן
און קומט פון זייער וויים.

צווישן כינעזישע לאמטערנס

צווישן כינעזישע לאמטערנס אין איסט־סאידער רעסטאראַן
שווייגן זיי אויס אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל פון ראָמאַן.
ביידע אומבאַוועגלאַך, קיילאַכדיק און בלאַס,
ווי צוויי בודאַס מיטליעריקע.
זי פליכטיק אין דעם שפיגל: „ווען ס׳זאָל אַ נס געשען,
און מיין שיינקייט קערט זיך אום ווי פלאַם דורך עלפנביין...“
דער שפיגל ענטפערט: „ביזט ניט שיין.“
זי שמייכלט. דער שמייכל איז אָן פרייד.
און די הענט ציִען אויס זיך רואיק, ברייט,
נאָר אַ קליין אָדערל אין זיי אַלץ צוקט.
און זי קוקט און קוקט,
ווי ער ציט אַרויף אויף זיך די גרויע מאַסקע פון געדולד
און אויף די שוואַכע ליפּן אַ שוואַכן שמייכל פון שולד.
אָבער איז ער שולדיק דען, וואָס ער איז ער?
ווייט ניט קיין העלד. ער וואָלט געזאָגט: ניט קיין קאַוואַליער.
אַ בעל מטופל מיט אַ שלאַק אַ ווייב.
פאַרבענקט זיך נאָך אַ יום־טוב, נאָך אַ ליכטיק לייב
און זיך פאַרדרייט. און וואו איז זי, די פרייד?
קיינמאָל ניט געווען, ווי ווייט ער קען געדענקען.
און איז ער שולדיק, אַז אפשר דאַרף ער איצט ניט מער,
ווי „טיימס“ צום פרישטיק, טאָאַסט און טשיקן צו דער צייט.

אַ ביסל איינזאַמקייט.

אַ שמועס מיט פריינט פון זיין קרייז און זיין דור
מיט אַלע קלוגע ווערטלאַך פון פאַר אַכצן יאָר?
און איז ער שולדיק, אויב ער מאַכט איצטער די אויגן צו
אויס מורא פאַרן שטורעם אין איר רו?
זי קוקט. אירע שמאַלע אויגן ווערן מידער, מידער.
זי האָט אים פיינט. ער איז איר דערווידער.
ווי גוט, וואָס זי קען שווייגן האַרט דורך שטונדן.
וואָס דען — אויפרייסן די וואונדן?
זאָלן בעסער קרייצן זיך די בליקן,
ווי פאַרזשאַווערטע קינזשאַלן.
וואָס קענען אפילו רעכט נאָך נית וויי טאָן,
און זאָלן גלייכגילטיקע ווערטער פאַלן
מיטן גרילץ פון קייטן.
אַלץ בעסער ווי צו וואַרפן: „זע, וואָס דו האָסט געטאָן.
האָסט מיך פאַרלענדט מיט צערטלענדיקע הענט,
האָסט מיך צעשטערט מיט דיינע שוואַכע הענט,
אָרימער, זע...״
און דאַך, און דאַך... געוועזן פרייד, געוועזן.
האָבן זיי דען נית געהערט די אָרגעלן פון ליבע
אונטערן אַקאָמפּאַניִמענט פון טויט?
און האָט דאָס אויפגעפייטשטע בלוט
דען נית געבענטשט די רויט
אין די הענט פון אַלע קלוגע לאַכער?

און יענער פיבער, יענער גלאַנץ פון זומערדיקע גערטנער,
און פיבער און גלאַנץ אַרום די אײַנפּאַכע ווערטער:

„מײַן ליבער."

און האָבן זיי...

דער קעלנער שלאָגט באַרמהאַרציק איבער:

„וויל די לײדי קאַווע אָדער טיי?"

ע ר ב ר ע נ ג ט ט ר ו י ע ר

ע ר: מאַדאַם, עס טוט מיר לייד
צו זאָגן אייך אַזוינס, וואָס איז ניט ליב צו הערן.
איך קום, אַ פרעמדער, פון דער ווייט
דעם פרידן אייך צו שטערן.

ז י: און אויב כ׳וועל אייך פאַרווערן?

ע ר: וועל איך אייך פאָלגן און וועל אפשר דאַנקען.
צי גלויבט איר ניט, אַז איך באַדויער
צו זיין אַמבאַסאַדאָר פון טרויער?
נאָר ווען מען איז פון נאָענטסטן פריינט געשיקט
און פון אַ קראַנקן...

ז י: ער איז קראַנק? ער ליגט?
געשיקט מיך רופן? קומט.

ע ר: איך וויל אייך זאָגן און איך ווער פאַרשטומט,
מאַדאַם. ער רופט אייך ניט.

ז י: אַ...

ע ר: איך ווייס,
אַז פרעמד איז יעדע טרייסט.
(פאַרנייגט זיך טיף)

צי איז ער טאקע ערנסט קראנק? קען זיין, אז ניט.
קראנק איז זיין ווילן, זיין געמיט.
דער מענש איז שטערבלאך מיד...

ליגט אומבאוועגלאך שעה נאך שעה
מיט זיין שמייכל פון האלב־פאון און האלב־פיערא,
מיט יענעם שמייכל צערטלאכן און רויען,
וואס זאגט אזויפיל צו די פרויען...

(כיטרע:)
אבער דער שמייכל זאגט צו מער,
ווי ער קען געבן...

איך זע, מיין רעדן פאלט אייך שווער.
פארגיט מיר. א, איר וועט פארגעבן.

...ליגט אומבאוועגלאך גאנצע טעג,
ווי א פאר־חלש־טער פון שווערן וועג,
וואס קען ניט, וויל ניט ווייטער גיין...
מאדאם, איר מעגט מיך האלטן פאר געמיין,
נאר איך גיב איבער, וואס ער זאגט: „זי איז צו־שיין”,
זאגט ער. און: „פריינט, קענסטו פארשטיין,
ווי שיינקייט פון א פינסטערן געמיט ווערט לאסט?
אפילו ווען עס איז א קאסטבארע, א יום־טוב׳דיקע לאסט,
ווי א קעניגלאכע קרוין.

איך אָבער בין קיין קעניג ניט, נאָר איינער פון המון,
קענסטו פאַרשטיין?"

„פריינט", זאָגט ער, „זאָלסט פון מיר ניט לאַכן:
איך בענק נאָך קליינע שפּילעוודיקע זאַכן —
נאָכן לייכטן טאַנץ פון גראַציעזע פּיס,
נאָך שטיפערישע אַריעס און געשרייען „ביס",
נאָך יענע ביכער, וואו דאָס לעבן ווערט אַ וויץ,
און געוויס, געוויס —
נאָך יונגע מיידלאַך מיט נאַאיוון חן,
וואָס מיינען „יאָ" און זאָגן „ניין"
און לאַכן זיך אַריין אין הארצן..."

„זי איז צו־שיין", זאָגט ער ניט דרייסט.
ער, אָרימער אין גייסט,
דאַרף ניט קיין קעניגרייך.
איר זייט פאַר אים צו־רייך.

און איך, דער טויזנטפאַכער נאַר,
פאַררויכער ווידער דעם פאַרלאָשענעם סיגאַר
און רעד גאַנץ וויציק, ניין? און גאַנץ געלאַסן.
און ס'עגבערט מיך די גאַנצע צייט דער צער,
ווי קען איך האָפן, זי זאָל מיך ניט האַסן?"
באַגרייפט איר, שיינע פרוי, דעם צער?
איר שווייגט. אַ, איר זייט שטאָלץ.

איך זיץ אַ טונקעלע סטאַטוע פֿון עבענהאָלץ.
נייַן, פֿון בראָנז.

ווי עס פֿאַרגייט אין שלאָף אַ העסלעכער קאָשמאַר,
אַזוי וועל איך אָט באַלד פֿאַר אייך פֿאַרבייגיין.
איך טראָג אַוועק מיט זיך אַ סוד פֿון וואונדערלאַכן שווייגן,
אַ סוד אַרויסגעלייענט
פֿון אַ טונקעלן פּראָפֿיל, איידל און פֿאַרשטיינט.
נאַר, גאָט מיינער! וואָס? איר וויינט?
ווער זאָל עס מיינען,
אַז אַ בראָנזענע סטאַטוע קען וויינען.

אינהאַלט

וואָרצלען

איך בין געווען אַמאָל אַ אינגלינג 5
מוטער ערד, פיל געטראָטענע, זון־געוואַשענע 6
פּאָרטרעט 7
יאָרן 8
אין גאַסן 9
מיין שטאַם רעדט 10
אַ שטאָט ביים ים 13
מיין היים 14

איך דיין רו
און איך דיין שווערט

מיר זיינען געגאַנגען דורך טעג ווי דורך שטורעם־דורכציטערטע גערטנער 17
מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן 18
לאַנגזאַם און ליכטיק 19
האָב אַזויפיל געוואַנדערט, מיין ליבער 20
דו 21
דרימל איין, געליבטער, דרימל 23
וויאָלינען 24
אין קופּער און אין גאָלד 25
עס רעדן היינט אַלע שטומע זאַכן 26
מיט באַנגע הענט האַלט איך דיין ליבן קאָפּ 27
פול מיט נאַכט און געוויין 28
דערהערט דיינע טריט און זיך דערשראָקן 29
דאָס אַלץ איז וויט שוין אַוועק 30
געווען איז אפשר דאָס מיין גליק 31
פון אַ בריף 32
איך גיי אין שאָטן פון דיין לעבן 33
ליד 34
געקושט מיין האַנט און זיך אַרומגעקוקט 35
ניין, גאָרניט זאָגן 36
אוראַלטע מערדעריין נאַכט, שוואַרצע מוטער אין נויט 37
ווען איך גיי מיט מיין ליבן דורכן טויאיקן אָוונט פון פרילינג 38

גייט אַ פּרוינט פאַרביי אונז אין דער לערער גאַס 39
מיין ניט, איך האָב זיך געביטן 40
ס׳איז דער וועג אַזוי שטיל 41
איך האָב ניט געוואוסט, מיין ליבער 42
אַזוי ווי מיין בליק דער פאַרטרערטער 43
איז די גאָלדענע פאַווע געפלויגן, געפלויגן 44

פאַרשלאָסענע ליפּן

שדים האָבן אומעטיק געפּייפט 47
פון מיין פינסטערניש 1 48
״ ״ 2 49
״ ״ 3 50
דאָס איז די נאַכט 51
שלאַנקע שיפן 52
שטילער 53
אָפט גיי איך ווי הינטער אַ שלייער 54
טייוואָלים 55
נאַכט 54
ליבע מאָנסטרען 58
די נאַכט איז אַריין אין מיין הויז 60
האַרט האַרץ 61
עפּיטאַף 62
שיינע ווערטער פון מאַרמאָר און גאָלד 63

זון, אַספאַלט, וועגן

האַרבסט 67
איבער ברוינע דעכער 68
פאַרנאַכט 69
זון 70
האַרבסט 71
רעגן 1 72
״ 2 73
האַרבסט 74
שניי 75
בריסק 1 76
״ 2 77
אָדעס 79
ניט צופרידן 81
אין קאַפע 1 82
״ ״ 2 83
״ ״ 3 84

מיידלאַך אין קראַטאָנאַ פּאַרק	85
פינפטע עוועניו, פאַרנאַכט 1	86
〃 〃 〃 2	87
בראָדוויי, אָוונט	88
טויערן	89
דורך בונטע שויבן	90
דאָס שטאָלצע ליד	91
דער מאַסקאַראַד איז אויס	92
ראובן לודוויג	94
טויט־מיד פון דער לאַסט פון אַ חלום	96
בלויז איין ליד	97
צו פראַנץ ווערפל	98
מיר וועלן בויען אַ וואַנט	99

מ אַ ר י

וואָס ווילסטו, מאַרי?	103
מאַרי׳ס תפילה	105
מאַרי און דער פּריסטער	106
איינזאַמע מאַרי	107
מאַרי און די געסט	108
מאַרי וויל זיין אַ בעטלערין	111
מאַרי און דער טויט	113

ג ע ש ט אַ ל ט ן

אַ מענטש	116
די משוגענע	118
דער גענגסטער	120
אין טונקעלן צימער	121
דאָס מיידל זאָגט 1	122
〃 〃 〃 2	123
〃 〃 〃 3	124
דאָס ליד פון אַ מיידל	125
אַ פרוי זאָגט	126
אַנטראַקט	127
אויף אַ באַלקאָן	128
מיין ווענוס טראָגט זיידענע שיכלאַך	129
פאַרגעסענע געטער	130
איר שמייכל	131
צווישן כינעזישע לאַמטערנס	134
ער ברענגט טרויער	137

„אָריאָם פרעס“
ניו־יורק, נ. י.